[21] Hizuk hadat: "Strengthening of the faith"—in this case, meaning that Orthodox leaders hoped to induce the Czarist regime to back policies that would counter the trend toward secularization in the Jewish community, and in return, the Orthodox leadership promised to support the regime's crackdown on revolutionary activity, among other things. See Vladimir Levin (2009),"Orthodox Jewry and the Russian Government: An Attempt at Rapprochement, 1907–1914," East European Jewish Affairs, 39(2), pp. 187-204, especially p. 191, as well as p. 189, where Levin points out that there was even an Orthodox political party called Mahzikei Hadat.

# ביאָגראַפֿיע פֿון "אחד הרבנים המרגישים"—2

ו

זיַין באָדן זיך אינעם גן־עדן פֿון זיַינע דערקוויקנדיקע דמיונות וועגן ציוניזם און ציוניסטן געדויערט אָבער ניט לאַנג. קורץ נאָך דעם ווערט ער איַינגעלאַדן קיין ווילנע אויף אַ גרויסן ציוניסטישן צוזאַמענפֿאָר פֿון 7 גובערניעס, אויף וועלכן ס'זענען געווען אָנוועזנד אויך אַ היפּשער צאָל רבנים, סימפּאַטיקער פֿון ציוניזם. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר ווערט אויסגעוויילט אַ פּרעזידיום פֿון הוילע יונגע שנעקעס מיט אָפּגעטאָקטע מאָרדעס, אויסגעדרעקסלטע וואָנצעלעך און פֿריילעכע, פֿון זיך צופֿרידענע, פּנימלעך...

די דאָזיקע „פֿריילעכע פּנימלעך“ האָבן פֿון פּרעזידיום־טיש אַראָפּגעהאַקט צום דעלעגאַטן־פּובליקום, און הויפּטזעכלעך צו די דעלעגאַטן רבנים (וועמען זיי האָבן אויסגעזעצט אויף דער פֿאָדערשטער באַנק קעגן זייערע

אויגן), אין דער רוסישער שפּראַך, כּמעט 2 טעג נאָך אַנאַנד, באַריכטן פֿון דער „ציוניסטישער אַרבעט“. די רבנים ווידער זענען געזעסן מיט איַינגעהאַלטענע אָטעמס, מורא האָבנדיק זיי זאָלן חלילה ניט מיעשיַין אַזעלכע „גרויסע“ אינטעליגענטן מיט אַזאַ „רוסיש רעדן“ מיט אַזעלכע „געהויבענע“, פֿאַר זיי גאָר ניַיע ווערטער ווי „אַגיטאַציע“, „פּראָפּאַגאַנדע“, „פּאַרטיי־דיסציפּלין“, אאַז"וו. פֿאַר די אַלע זאַכן זענען די רבנים געזעסן מיט אַזאַ דרך־ארץ, שיִער ניט ווי ס'זיצן די נאָוואָבראַנצעס פֿאַרן אָפֿיציר, וואָס לערנט זיי „סלאָוועסנעס“, די גרויסע ידיעות וועגן דעם, ווען די גרויספֿירשטן „פּאַוועל“ און „קיריל“ זענען געבוירן געוואָרן…

קיין איין וואָרט ייִדיש האָט זיך ביַי די שנעקעס פֿון די מיַילער ניט אַרויסגעכאַפּט די גאַנצע ציַיט פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, און פֿון אַ ייִדישן דערהויבענעם רעיון איז דאָך אַפּשיטא שוין ניט געווען קיין שפּור, נאָר כּמעט 2 מעת־לעת נאָך אַנאַנד זענען די שנעקעס געזעסן און געקלאַפּט די רבנים — צווישן זיי אייניקע שוין מיט גרויע בערד — אין די קעפּ אויף רוסיש, וואָס דאָס רובֿ רבנים האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, באַריכטן פֿון די „קאָנצערטן“, „באַנקעטן“, נפֿשות־פֿאַנגעריַי, און געלט־זאַמלעריַי.

דער „אחד הרבנים המרגישים“ זיצט און קוקט אויף דעם מיט גרויס פֿאַרוווּנדערונג: אָט די זענען דאָס די „אידעאַליסטן“ וועלכע ער האָט אַזוי באַזונגען…? נאָר אויף דער רוסיש־קלאַפּעריַי פֿאַרענטפֿערט ער זיי אַ ביסל ביַי זיך אין רעיון, אַז מסתּמא איז די „דערלויבעניש“ אויף דער פֿאַרזאַמלונג געגעבן געוואָרן מיט אַזאַ באַדינג. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן ביַים קאָמישן סוף, מיט וועלכן די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרענדיקט אויפֿן צווייטן טאָג, ווען ס'איז במיקרה דורכגעגאַנגען אין יענעם הויף אַ פּאָליציאַנט, האָט דער גאַנצער בינטל רוסיש־קלאַפּער אַנטלאָפֿן פֿון דער הויז, ווי ס'איז געזעסן די קאָנפֿערענץ, אָן די היטלען דורך אַ הינטערטיר. פֿון וואָס ער האָט זיך דערקונדיקט, אַז די פֿאַרזאַמלונג איז גאָר געווען אַ געהיימע אומלעגאַלע, און די „רוסיש“ וואָס די שנעקעס האָבן געקלאַפּט איז דאָס געווען גלאַט אַזוי זיך, פֿריַיוויליק, אָדער, בעסער געזאָגט: מוטוויליק, כּדי איַינצואיבן זיך אין דער מלאָכה פֿון ביוראָקראַטעווען און קאַנצעלאַרעווען איבער די „אונטערטענער“ אין דער קומענדיקער ציוניסטישער מלוכה… ער איז אַרויס פֿון דער דאָזיקער אַסיפֿה מיט אַ גרויסן ריס אין זיַין פֿריִערדיקער התלהבֿות, און זיַין פֿאָרשטעלונג אַז ציוניזם איז אויפֿלעבונג פֿון ייִדישן גיַיסט הייבט אָן שטאַרק צו צאַנקען.

אין אַ חודש אַרום, אין זומער תּר"ס, ווערט דער „אחד הרבנים המרגישים“ אויסגעוויילט דורך בריסקער ציוניסטן אַלס דעלעגאַט צום פֿערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. ער קומט אַהין. ערשט די גאַנצע פּוסטקייט, ביוראָקראַטישקייט און קאַנצעלאַרישקייט וואָס ער האָט פֿריִער געטראָפֿן אויף דער ווילנער קאָנפֿערענץ חזרט זיך איבער נאָך אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב אויך דאָרט אויפֿן לאָנדאָנער קאָנגרעס — און דערמיט, נאָר דערמיט, ווערט אָנגעפֿילט דער גאַנצער אינהאַלט פֿון קאָנגרעס, בלויז מיטן צוגאָב, וואָס דאָרט האָט מען דעם עולם דעלעגאַטן, וואָס מ'האָט צונויפֿגעשלעפּט פֿון אַלע עקן וועלט, פֿאַרהילכט די קעפּ מיט דער „פֿריילעכער“ בשׂורה, אַז „ד"ר הערצל“ איז קורץ פֿאַרן קאָנגרעס „איַינגעלאַדן געוואָרן צום טערקישן סולטאַן אויף אַ מיטאָג…“

זיַינע פֿאַנטאַזיעס וועגן דערהייבונג פֿון ייִדישן גיַיסט און וועגן קאַמף קעגן קנעכטשאַפֿט, וואָס ער האָט פֿריִער געדענקט צו זען אין ציוניזם, ווערט אין גאַנצן צעריסן. ער נעמט דאָרט באַלד פֿון אָרט אין לאָנדאָן און שיקט אַוועק צו די קאָוונער ציוניסטן אַ פֿאַרבאָט איבערצודרוקן זיַינע אַרטיקלען אין אַ בראָשורע, און אַליין קערט ער זיך אום אַהיים אַ צעבראָכענער פֿון דער אַנטוישונג.

ז

זיַין ציוניסטישע וואַרעמקייט פֿאַלט ביז נול. דאָס הייסט, ס'האָט זיך שוין ביַי אים ניט אָפּגעשטעלט קיין האָר פּאָזיטיווס אין זיַין באַצוג צום ציוניזם, כאָטש פֿאַרקערט קיין נעגאַטיווס האָט נאָך ביַי אים לעת־עתּה אויך ניט

אויסגעשפּראָצט, פֿון וואָס עס ווערט אים נאָך מערער פּוסט, קאַלעמוטנע און טריב אויף דער נשמה, ווי אַז ער וואָלט זיך שוין קאָנען באַשליסן אויף התנגדות.

ער האָט אויסצושטיין אַ סך אומאָנגענעמלעכקייט אויך פֿון די שאלות מיט וועלכע מע פֿאַרוואַרפֿט אים פֿון אַלע זײַטן און מע פֿאָדערט פֿון אים אַ דערקלערונג, וואָס האָט ער דאָרט פּלוצלונג דערזען אַזוינס, וועלכעס האָט בײַ אים אָנגעמאַכט די איבערקערעניש.

דאָס איז אים אָבער שווער צו דערקלערן, וואָרעם אין גרונט גענומען איז די אומסימפּאַטישע זאַכן, אויף וועלכע ער האָט זיך דאָרט אָנגעשטויסן, זענען נאָר געווען אומדירעקטע פֿאַקטאָרן פֿאַר זײַן ריקצוג פֿון ציוניזם. דאָס איז געווען אין דער בחינה ווי ס'טרעפֿט אַ מאָל, אַז ס'שיסט אויס איין קויל, וועלכע וואָלט אַן און פֿאַר זיך ניט געקאָנט ברענגען קיין סך שאָדן; איז זי אָבער גראַדע אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּולווערסקלאַד און אָנגעמאַכט אַ גאַנצע קאַטאַסטראָפֿע. אַזוי אויך די מחזה פֿונעם פּוסטן ווירוואַר פֿון די ציוניסטישע עסקנים מיט די גאַנצע פּאַרטייִשע קלאַפּער־געצײַג מיט וועלכע ער האָט זיך בײַם סוף געטראָפֿן אויג אויף אויג — האָבן אויפֿגעריסן בײַ אים אין האַרצן אַ פֿאַרחתמעטן קעמערל פֿון זײַנע פֿאַרבאָרגענע געפֿילן, פֿון זײַן אינעווייניקסטן **איך**, וועלכער שטייט גאָר ניט אין אײַנקלאַנג מיטן ציוניסטישן אידעאַל, און צוליב וועלכן זײַן בונד וואָס ער האָט אויף אַ קורצער צײַט זיך צונויפֿגעבונדן מיט די ציוניסטן איז געווען אַן אומנאַטירלעכער.

שפּעטער מיט דער צײַט האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זײַן אייגענע וועלט־אַנשויונג, און ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז דער ציוניזם איז אַ פֿולקומער קאָנטראַסט צו איר. אָבער דערווײַל איז נאָר נעפּלדיק. אַ סאָרט פֿאָרגעפֿיל האָט אים פּלוצלונג אָנגעהויבן אונטערזאָגן, אַז ניט אין ציוניזם איז די ייִדישע רפֿואה... אָבער דערקלערן דאָס פֿאַרן צווייטן האָט ער ניט געקאָנט, און איז דעריבער נאָכן לאָנדאָנער קאָנגרעס געלעגן אַ היפּשע צײַט אַ דערשלאָגענער, געווען אָפּהענטיק, און ניט געקאָנט נעמען זיך צו קיין שום זאַך.

ס'איז אים געווען שטאַרק קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן אויך פֿון דעם וואָס ער האָט פֿריִער אַזוי פֿיל געשטורעמט אויף די אָרטאָדאָקסישע קעגנער פֿון ציוניזם, צווישן וועלכע ס'זענען געווען אויך די גרעסטע, עלטסטע און גרויסשטאָטישע רבנים, און אומזיסט אויפֿגערייצט אויף זיך בײַ זיי — בײַ די גרעסטע אויטאָריטעטן פֿון דער אָרטאָדאָקסישער וועלט — אַזאַ ברענענדיקן כּעס. ס'האָט אים אויך אָנגעהויבן פּיקן אַ „געוויסנס־ביסן": ווער ווייסט? אפֿשר האָבן די דאָזיקע רבנים געהאַט אַ שאַרפֿערן בליק, און האָבן באַלד אין אָנפֿאַנג געזען דאָס, וואָס ער האָט דערזען ערשט אין אַ צײַט אַרום...

דער „אחד הרבנים המרגישים" פּרוּווט צוליב דעם צו פֿאָרן אין אַ דערבײַיִקער שטאָט, איינעם פֿון די צענטראַלע פּונקטן פֿון דער אָרטאָדאָקסישער קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם, כּדי אויפֿן אָרט צו דערקונדיקן זיך אויף וויפֿל זײַן באַמבאַרדיראָווקע אויף די אָרטאָדאָקסן איז געווען אַן אומגערעכטע: באַמבאַרדירט אויף אומשולדיקע נעבעך. דאָרט ווערט ער אָבער געוואָר, אַז ס'איז אַ נעכטיקער טאָג. יענע אָרטאָדאָקסן האָבן גאָר קיין אַנונג ניט פֿון די אמתע אָפּשטויסנדיקע זײַטן, וואָס ער האָט דערזען און דערפֿילט אין ציוניזם. פֿאַר די פֿײַערווערק, וואָס „הערצל" פּראַווועט מיט זײַנע „אוידיענצן" בײַ די מלכים־ושׂרים, האָבן זיי אויך גאַנץ גענוג אָפּשײַ. פֿון די מיטאָגן וואָס ער האָט געגעסן בײַם סולטאַן אין „קאָנסטאַנטינאָפּל" באַלעקן זיי זיך אַזש דאָ אין „ב." און דעריבער איז — אויף ד"ר הערצלען אַליין האָבן זיי קיין העזה ניט צו רעדן, און דער עיקר שיט מען שוועבל און פעך אויף די היימישע ציוניסטן, פֿאַר וואָס זיי זענען ניט פֿרום — הימל און ערד און „עבֿירות־זוכערײַ..."

די דאָזיקע רעוויזיע באַרויִקט אים אַ סך פֿון זײַן געוויסנס־ביסן. ער קערט זיך אום אַהיים פֿיל מוטיקער, און ווערט שוין ווידער פֿעיִק צו סטרויען זײַן גײַסטיקע וועלט, אין וועלכער דער קאַמף קעגן דער מענטשלעכער רישעות פֿאַרנעמט דעם צענטראַלן אָרט.

ח.

אָבער ער זעט שוין איצט, אַז ער קאָן זיך ניט אָנשליסן אָן קיין שום פּאַרטיי, אַז דאָס וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט, וועט ער ניט געפֿינען אין קיין באַוועגונג פֿון די באַוועגונגען וואָס גייען אַרום איבער דער וועלט, און וואָס האָבן אַפֿילו אויך כּלומרשט דעם ציל צו פֿאַרריכטן די וועלט.

אַפֿילו די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז אינעם הינזיכט פֿון שטרעבן צו פֿרײַהייט און גלײַכהייט, אין פֿלוג נענטער צו אים ווי אַלע אַנדערע פּאַרטייען — קאָן ער דאָך צו איר ניט איבערגעבן זיך צוליב די 3 גוואַלדיקע חסרונות וואָס זי באַזיצט: ערשטנס, צוליב דעם וואָס זי האַלט שטאַרק פֿון דער טאַקטיקע אַז „דער ציל כּשרט די מיטלען"... שטעלט זיך ניט אָפּ פֿאַר קיין גוואַלדטאַטן. צווייטנס, שאַרט זי אַוועק „רוחניות", דעם הויפּט־אַרטיקל, וועלכער מאַכט דעם מענטשן שיין און דעם לעבן זיס, נאָר שטעלט אַלצדינג אַוועק אויפֿן גראָבן מאַטעריאַליזם. דריטנס, הערט זיך פֿון איר דער ריח פֿון „אינטערעסן" מערער ווי אידעאַל, אַזוי ווי ס'זאָגט עדות אויף די מיטגלידער פֿון דיזער באַוועגונג זייער שטענדיקער אויסדריק: „מיר פּראָלעטאַריער", און זייער שטענדיקער באַטאָנען בײַ יעדער מאָל, ווען זיי טרעטן אַרויס קעגן עפּעס אַ שלעכטס: „דערפֿון קאָן דאָך לײַדן דער אַרבעטער־קלאַס..."

דער לעצטער חסרון, איז אַגבֿ אלה תּולדות פֿון אַלע פּאַרטייען, וואָס האַלטן, אַזוי ווי די באַוווּסטע „מיסיאָנערן", אין איין אַרומזוכן מיטלען אַרײַנצופֿאַנגען צו זיך אין לאַגער וואָס מערער נפֿשות. טאָ ווי אַזוי קאָנען די פּאַרטייען באַשטיין אַנדערש ווי פֿון אינטערעסאַנטן...? ווי איז מעגלעך, אַז פֿאַר איין מינוט צוריק איז מען געווען אַ בשׂר־ודם, געהאַלטן אין איין זוכן עפּעס אין מויל אַרײַן און אונטערשטורכן די זײַטן יעדערן, וועמען מע טרעפֿט אויפֿן וועג... מיט אַ מאָל אָפּגעשפּריצט געוואָרן מיטן פּאַרטיי־פּענדזל און געוואָרן אַן „אידעאַליסט"...?

אַלזאָ, קומענדיק פֿון דער לאָנדאָנער אַנטווישונג אַ ביסל צו זיך, ציט ער זיך אַרײַן אין גאַנצן אין זיך זעלבסט, הייבט אָן פֿירן אַ „באַפֿרײַונגס־אַקציע" אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער לויט דער תּורה־ייִדישער אויפֿפֿאַסונג, די אויפֿפֿאַסונג, וואָס ווייס ניט פֿון קיין „קלאַסן", פֿון קיין „פּאָליטיק", פֿון באַאַרבעטן די געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע און כלאָפּאָטשען זיך נאָך אַנאַנד אַרום אירע פֿאַרדרייטע קאָלטענעס — נאָר ווייס פֿון באַאַרבעטן דעם מענטשנס האַרץ, אויסגלײַכן זײַן כאַראַקטער. און דאַן וועט אין דער געזעלשאַפֿט **ממילא** זיך גאָר ניט פֿאַרפּלאָנטערן קיין קאָלטענעס.

די באַטאָנונג פֿון וואָרט „ממילא" באַדײַט אויך אַז לויט דער תּורה־ייִדישער אויפֿפֿאַסונג פֿון פֿרײַהייט איז די „געזעלשאַפֿט" אַ נעבנזאַך, און דער עיקר איז די באַפֿרײַונג פֿון יחיד. און טאַקע צוליב דעם גופֿא פֿירט דאָס די דערמאָנטע אויפֿפֿאַסונג אַזאַ הייסע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אויסבעסערן די האַרץ. וואָרעם די באַפֿרײַונג פֿון יחיד איז אָנגעהאָנגען אָן דער אויסשאַרפֿונג פֿון זײַן מאָראַל־עטישן געפֿיל. האָבן אַ ריינעם געוויסן, טיף פֿאַראַכטן רישעות, הייסט — זײַן אַ פֿרײַער מענטש.

דער גרעסטער ספּעציאַליסט פֿונעם ייִדישן מוסר, פֿון דער ייִדישער פֿרײַהייטס־אויפֿפֿאַסונג, מאָטיווירט אין דער משנה זײַן „פּרוזבול"־רעפֿאָרם ניט מיטן חסרון וואָס אָן איר וואָלט דער עולם ניט קריגן צו לײַען קיין גמילות־חסד, — נאָר מיטן חסרון, וואָס „דער מענטש וואָלט ווערן שלעכט, און ניט וועלן טאָן קיין טובֿה".

ט

אָט צו דער „באַפֿרײַונג" דורך דער אויסשלײַפֿונג פֿונעם געפֿיל פֿון פֿאַראַכטונג צו רישעות, — ווידמעט דער „אחד הרבנים המרגישים", פֿון זײַן לאָנדאָנער אַנטווישונג אָן, זײַן גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט. ער זיצט אָפּגעזונדערט אין

זײַן אײגענעם װינקעלע אָפּגעשלאָסן פֿון דער גאַנצער װעלט און פֿאַרפֿאַסט ספֿרים אױף דעם געביט. פֿון צײַט צו צײַט טרעט ער אױך אַרױס מיט טעמפּעראַמענטפֿולע אַרטיקלען אין די צײַטונגען. דאָס טרעפֿט בשעת ס׳פּאַסירט אין דער ייִדישער גאַס אַן אומרײנע געשעעניש, פֿון װעלכער זײַן מאָראַל־עסטעטישער חוש מיט זײַן הײסן פֿאַרלאַנג ס׳זאָל זײַן זױבער אין דער ייִדישער װעלט, זענען שטאַרק אָנגעגריפֿן געװאָרן.

מיט זײַנע װערק װערט ער דער טעאָרעטיקער פֿון דער מאָראַלישער פֿרײַהײטסקאַמפּס־מעטאָדע.

בלױז אַ „טעאָרעטיקער“ איז ער נאָר פֿאַר דער װעלט, ד"ה פֿאַר אַנדערע — אָבער פֿאַר זיך זעלבסט, פֿאַר זײַן אײגענער באַפֿרײַונג, װערט ער ביסלעכװײַז אױך אַ פֿאַרװירקלעכער. ער קעמפֿט פֿאַר זיך אױס מיט דער צײַט אַ פֿולקומע אױטאָנאָמיע אין זײַן פֿירונג. ער װערט אַן אמתער בן־חורין אין אַלע האַנדלונגען פֿון לעבן.

צו זײַן זעלבסט־באַפֿרײַונג העלפֿט אים אַ סך מיט זײַן װױנאָרט: די קלײנע שטעטעלע מיט איר שײנעם סאָסנאָװון װאַלד. אין װאַלד (אַװוּ ער געפֿינט זיך דאָס רובֿ צײַטן פֿון זומער) צװישן זײַנע אינטימסטע חבֿרים, די שײנע, אײביק גרינע בײמער, אונטערן פֿרײַען הימל פֿאַרפֿולקומט ער זיך אין דער טעאָריע פֿון מאָראַל און פֿרײַהײט: דאָס רובֿ װערק זײַנע צײכנט ער אין װאַלד. און די קלײנע שטעטעלע, װוּ ער װױנט, לאָזט אים איבער פֿרײַע הענט צו פֿירן זיך אין לעבן לױט זײַנע פּרינציפּן.

דער שװאַכער לעבנסשטראָם פֿון אַ קלײן שטעטעלע מיטן נישטיקן באַטרעף פֿון אירע מענטשעלעך אױך אין מאַטעריעלן הינזיכט, אין דער געזעלשאַפֿטלעכער ראָלע — האָבן ניט בכּוח אױסצואיבן אױף אים קײן דרוק, ער זאָל זיך אונטערװאַרפֿן אונטער זײערע מינהגים. ניט װי די גרױסע שטאָט מיט איר שטאַרקן לעבנסשטראָם מיט מענטשן, ניט קוקנדיק אױף זײער נישטיקײט דאָס רובֿ מאָל אין „איכות“, נאָך נישטיקער װי די קלײן־שטעטלדיקע מענטשן, זענען זײ אָבער גאַנצע קנאַקער אין דער ראָלע פֿון לעבן: „גבֿירים“, „פּאָליטיקער“, „כּלל־טוער“ אאַז"װ. און אױף צו באַפֿרײַען זיך פֿון זײער השפּעה באַדאַרף מען דעריבער אַ באַזונדער אָנשטרענגונג.

ער פֿירט זיך בײַ זיך אין דער הײם אין דער קלײנער שטעטעלע פֿרײַ און פֿראַנק װי אַן אמתער „סאַמאָװאָליעץ...“ ניט נאָר אַלע געזעלשאַפֿטלעכע מינהגים און מאָדעס, װאָס שטײען ניט אין אײַנקלאַנג מיט זײַנע אידעאַלן — שלײַדערט ער אַװעק פֿון זיך, נאָר אַפֿילו זאַכן, װאָס פֿאַלן גאָר אין פֿלוג אַרונטער אונטער די רבנישע פֿונקציעס, צערעמאָניעט ער זיך מיט זײ גאָר ניט, אױב זײ געפֿעלן אים ניט.

אײניקע אינטערעסאַנטע בײַשפּילן: בשעת ס׳קומען פֿאַר אים אַ פּאָר ייִדן האָבן אַ „דין־תּורה“, זאָגט ער זײ נאָר אַרױס דעם פּסק, װער איז לױטן „חושן־מישפּט“ חײבֿ און װער זכּאי. אָבער אַז דער געװוּנענער הײבט אָן פֿאָדערן פֿון אים ער זאָל אָננעמען רבנישע צװאַנגסמיטלען קעגן פֿאַרשפּילטן, נײטן אים מקײם־פּסק זײַן — זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּ פֿון דעם, האַלטנדיק אין דער שיטה אַז אַ רבֿ באַדאַרף ניט זײַן קײן פּאָליצײסקער, בפֿרט נאָך אין געלט־סיכסוכים װאָס ניט אַלע מאָל איז דער יושר אױף דער זײַט פֿון דעם װאָס געװוינט על־פּי־דין.

אײן מאָל איז בײַ אים אין שטעטל אײַנגעפֿאַלן אַ יונגערמאַן אַ „חשׂוך־בנים“ און געהאַלטן בײַם שטאַרבן. פֿעטערס, מומעס פֿון קראַנקנס װײַב אין דער באַגלײטונג פֿון אַ גאַנצער מענגע שטאָט־„בעלי־מיצוות“ זענען אַרײַנגעפֿאַלן צום רבֿ ער זאָל גײן הײסן דעם קראַנקן ער זאָל מסכּים זײַן מאַכן אַ גט פֿאַר דער װײַב. ער האָט אָבער זײער פֿאָרשלאָג אָפּגעשלײַדערט און בשום־אופֿן ניט אױפֿגענומען אַזאַ מיצװה: גײן אַרײַנזאָגן יענעם: „דו שטאַרבסט, מאַך אַלזאָ פֿרײַ דעם פּלאַץ פֿאַר דײַן װײַב זי זאָל קאָנען חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן“.

איין מאָל קומט אַרײַן צו אים אַ גרופּע „גאָטספֿאָרכטיקע“ בעלי־בתּים מיט אַ פֿאָרשלאָג מעבֿיר צו זײַן דעם שוחט פֿון שטעטל, ווײַל ער איז שוין אַלט, און ס'איז דאָ אַ גרונד איבערצוקלערן טאָמער ציטערט בײַ אים די הענט. דער „אחד הרבנים המרגישים“ ענטפֿערט זיי, „בעסער עסן טרייפֿע בהמה־פֿלייש, איידער אויפֿפֿרעסן אַ כּשרן מענטשן...“

צוליב דער סוווערעניטעט אין זײַן פֿירונג און אין זײַן לעבנס־שטייגער, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין זײַן קליין שטעטעלע, אַנטזאָגט ער זיך פֿון פֿאָרשלאָגן וועגן שטעלעס אין גרויסע שטעט, וואָס מען האָט אים פֿיל מאָל פֿאָרגעלייגט. אָבער דער גרעסטער גורם צום אָפּוואַרפֿן אַזעלכע פֿאָרשלאָגן איז דאָס, וואָס ער איז אַ געבוירענער אַ דאָרפֿישער, און עס ציט אים צום שורש, צום זיצן אויפֿן שויס פֿון דער פֿרײַער נאַטור, וואָס דער דאָזיקער ווּנטש ווערט בײַ אים פֿולקום באַפֿרידיקט אין דער שטעטעלע מילייטשיץ מיט איר סאָסנאָוון וואַלד, וועלכע איז אַגבֿ בײַ אים שוין כּמעט ווי אַ געבורטסשטעטל. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט אויפֿן זיבעצנטן יאָר פֿון זײַן לעבן און דאָרט ווױנט ער כּל־ימיו. און דער לעבן אין קאָכיקן קעסל פֿון דער כּרך מיט דער פֿאַרשטיקטער לופֿט איז אין זײַנע אויגן אַ פּשוטער גיהנום.

אין יאָר תּרע"ב, בשעת דער „רבֿ צעיר“ האָט זיך געקליבן, צוליב די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון אַדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק קעגן אים, אַרויסצופֿאָרן פֿון אַדעס קיין בערלין, שיקט ער צום „אחד הרבנים המרגישים“ אַ בריוו נאָך אַ בריוו און בעט אים קומען קיין אַדעס איבערנעמען די ישיבֿה, וואָס ער האָט דאָרט געגרינדעט און געפֿירט אייניקע יאָר. „אחד הרבנים המרגישים“ לאָזט זיך שטאַרק בעטן. אָבער בײַם ענדע קאָן ער שוין אַזוי פֿיל ניט מעיז זײַן קעגן דעם „רבֿ צעיר“, וועלכער האָט אים אין לעצטן בריוו באַשוואָרן ער זאָל כאָטש נאָר קומען אין אַדעס אַ קוק טאָן אויף דער ישיבֿה, אפֿשר וועט אים פֿאָרט אָננעמען אַ חשק. ער נעמט און פֿאָרט. אין מיטן וועג איז געווען אַ „פּערעסאַדקע“ און ער האָט אַרײַנגעשטיגן אין אַן אַנדער צוג, און אַרײַנגעפֿאַלן ריכטיק אין אַ וואַגאָן, ווּ ס'איז גראַדע געפֿאָרן אַ משוגענער, וואָס אַ פּאָר מענטשן האָבן אים ערגעץ געפֿירט. דער משוגענער איז געזעסן און געזונגען. ס'איז אויף געווען מיט אים דער גאַנצער וואַגאָן. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם „אחד הרבנים המרגישים“ האָט ער אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן קול: „אַ רבֿ, אַ רבֿ“, און געאַרבעט מעשׂים, ניט אַנדערש אַז דער רבֿ זאָל זיך זעצן לעם אים. צוליב דער באַרויִקונג פֿון משוגענעם, אויף וואָס ער איז אויך אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן דורך אַלע פּאַסאַזשירן, האָט ער געמוזט זיך אויפֿהייבן פֿון זײַן אָרט, ווּ ער האָט שוין געהאַט אײַנגעזעצט זיך, און גיין זיך זעצן לעם משוגענעם. אָבער דעם משוגענעמס ווינקל איז גראַדע געווען האַרט לעם אייוועלע, וואָס האָט זיך געהייצט און געטשאַדעט. און ער האָט דאָרט זייער געליטן פֿון דער שלעכטער לופֿט. קומט אים אַרויף בשעת־מעשׂה אויפֿן געדאַנק, צי איז אַ מאָל ניט די דאָזיקע פּאַסירונג אַ סימבאָל פֿאַר זײַן נסיעה וואָס ער מאַכט יעצט קיין „אַדעס“...?

ער קומט קיין אַדעס, פֿאַרפֿאָרט צום „רבֿ צעיר“ אין ווױנונג. יענער לאַדט אײַן צו זיך די גבאָים פֿון דער ישיבֿה אויף צו זען זיך מיטן גאַסט־קאַנדידאַט. אָבער דער גאַסט מעלדט זיי באַלד בײַם „שלום־עליכם“, אַז פֿאָרלויפֿיק איז ער אַהערגעקומען נאָר אויסצוטענהן זיך פֿאַרן רבֿ חיים טשערנאָוויץ און פֿאַר זיי, פֿאַר וואָס ער נעמט ניט אָן דעם פֿאָרשלאָג. און כּך־הווה: די גאַנצע 10 טעג וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין אַדעס (ער האָט דאָרט אַגבֿ געוואָלט צואײַלן דעם פֿאַרלאַג „המוריה“ און דער דרוקעכץ פֿון זײַנס אַ ווערק), האָט מען פֿון פֿאַרשידענע זײַטן, אַזוי ווי פֿון די תּורהדיקע קרײַזן אַזוי אויך פֿון די ליטעראַרישע קרײַזן פֿון אַדעס, געהאַלטן אין איין אַגיטירן אויף אים ער זאָל זיך אַריבערציִען קיין אַדעס, און אין איין מוסרן אים „ווי אַזוי איז דאָס בײַ אַ מענטשן רעכט אַוועקצוזעצן זיך אויף שטענדיק אין אַ קליין שטעטל...?“

דער „אחד הרבנים המרגישים“ האָט זיך געדרייט פֿאַר זיי מיט פֿאַרשידענע תּירוצים. דעם האָט ער געזאָגט אַז זײַן געזונטס־צושטאַנד דערלויבט אים ניט צו אַזאַ אונטערנעמונג, „זאָגן אַ שיעור“ און ווױנען אין אַ גרויסער שטאָט. איינעם פֿון די גבאָים, וואָס האָט אים אויך שטאַרק נוגש געווען, ענטפֿערט ער זיצנדיק בײַם רבֿ צעיר אין ישיבֿהשער ווױנונג: „זאָגט אַליין ווי אַזוי קאָן איך פּועלן בײַ זיך מאַכן אַזאַ ענדערונג אין מײַן לעבן, אַז אין מילייטשיץ האָב איך פֿענצטער אין אַלע זײַטן פֿון מײַן ווױנונג, דורך די פֿענצטער קוקט צו מיר אַרײַן אַ ברייט אויסגעשפּרייטער בלויער

הימל, און דאָ זענען 3 וווּנט בלינדע און אין איין איינציקן פֿענצטער פֿון דער פֿערטער זײַט קוקט אַרײַן אַ הויכע פֿאַרקאָפּטשעטע וואַנט פֿון אַנטקעגנאיבערדיקן מויער?" דער גבאי אָבער, אַ גרויסער באַנקיר און אַ ווירט פֿון אַ סך הויפֿן אין שטאָט און אַ גרעפֿישער זומער־ווילע אויפֿן לאַנד, ענטפֿערט אים אָפּ צוריק זייער צו דער זאַך און זייער לאָגיש (אַ לאָגיק וואָס שטאַמט אַרויס פֿון דער „סדום־בעטעלע", וואָס ווערט דורך די דאָזיקע הערן צוגעשניטן פֿאַרן אָרעמען מענטש): „אוי וויי! וואָס גייט אײַך אָן דער טומל פֿון דער גרויסער שטאָט? איר וועט זיך זיצן אין אײַערע ד'־אַמות־של־הלכה". „און אויך אין די ד' אַמות אַדמה..." טראַכט בײַ זיך דער „אחד הרבנים המרגישים".

דעם „זיידן מענדעלע", וועלכער האָט אויך אַגיטירט אויף אים איבערצוצִיען זיך קיין אַדעס, האָט ער געענטפֿערט מיטן דערציילן אים די מעשׂה פֿון „דער באַגעגעניש מיטן משוגענעם אויפֿן וואַגאָן", און געזאָגט אַז ער איז איבערצײַגט אַז דאָס איז געווען עפּעס אַ מיסטישער ווּנק אויפֿן אינהאַלט פֿון דער נסיעה: „משוגעים האָבן זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט, ווילן מיר האָבן לעם זיך, כאָטש איך וועל דאָ אַ סך לײַדן, ס'וועט מיר זײַן ענג און נודנע..." דער „זיידע" האָט אַפֿילו זייער געקוואָלן פֿון משל מיט אַ משוגענעם, פֿון וועלכן ער אַליין איז דער נימשל... אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט ער ניט אויפֿגעהערט זײַן אַגיטאַציע.

נאָר איין „ביאַליק", וועלכער איז אין אָנפֿאַנג אויך געווען פֿון די אַגיטאַטאָרן, האָט אים נאַכער געלאָזט צו רו. ביאַליקן האָט ער געמאַכט אַ פֿאָרוווּרף: „איר אויך? איר זאָלט אויך ניט פֿילן יענעמס נשמה?" מיט דעם דאָזיקן פֿאָרוווּרף האָט ער אים טאַקע משתּיק געווען. אומבאַוווּסט צי דער סענטימענטאַליטעט פֿון זײַן דיכטערשער נשמה האָט דורך דער פֿראַגע אויפֿגעוואַכט, און שוין דערפֿילט דעם שמערצן פֿון „אחד הרבנים המרגישימס" נשמה, אָדער זײַן פֿאַרבאָרגענער ווילדער בן־הטבֿע (ביאַליק איז אויך אַ געבוירענער אַ דאָרפֿישער) האָט פּלוצלונג אַרויסגערעדט צו אים פֿון זײַן באַהעלטעניש אַ פּראָטעסט: הער נאָר דו! וואָס האָסט זיך אָנגעטשעפּעט אָן דעם ייִשובֿניק? לא די וואָס דו האָסט אַליין פֿאַרראַטן די פֿעלדער מיט די וועלדער און אַוועק זיך רײַבן צווישן מענטשן און צווישן פֿאַרקאָפּטשעטע ווענט פֿון מויערן, בונטעוועסטו אים ער זאָל אויך אַזוי טאָן...?

די איבעריקע אַגיטאַטאָרן אָבער האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן, און ער איז דאָרט שיִער ניט קראַנק געוואָרן פֿון די פֿאָרוווּרפֿן, וואָס די וועלכע האָבן געוואָלט מאַכן אים „מיט לײַטן צו גלײַך", האָבן אין משך פֿון יענע עטלעכע טעג אין אים אַרײַנגעשאָטן פֿאַר זײַן זיצן אין דער „קליינשטעטל..." ער האָט זיך קוים אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרט און אומגעקערט זיך אַהיים, צוגעפֿאַלן צו זײַנע טײַערע חבֿרים, די ביימער אין וואַלד, פֿון וועמען גוטע מענטשן האָבן אים געוואָלט אָפּרײַסן, נאָך מיט מערער ליבע ווי פֿריִער.

ו

דער „אחד הרבנים המרגישים" פֿאַרשטאַרקט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מערער אין זײַן שיטה, אַז אָנשטאָט פֿאַרריכטן די וועלט, באַדאַרף מען בעסער פֿאַרריכטן דעם מענטש, אויסבעסערן זײַן האַרץ, אויסשלײַפֿן זײַן „כּוח ההבֿחנה בין טובֿ לרע". ווי באַלד ווידער אַז דער עיקר איז פֿאַרריכטן דעם מענטש, איז אַן איינצלנעם מענטש פֿאַרריכטן אויך אַ גרויסער ענין. און דער איינצלנער מענטש, וועלכן ער האָט שטענדיק לעם זיך אין וואַלד, ד"ה זײַן אייגענער „איך", איז דאָך פֿאַר אים געוויס אַן „עולם־מלא"...

ער פֿאַרנעמט זיך הויפּטזעכלעך מיטן אויסבעסערן דעם גײַסטיקן ווילשטאַנד פֿון זיך זעלבסט, מיטן אויסקעמפֿן פֿאַר זיך פֿולקומע געוויסנס־פֿרײַהייט, ער זאָל ניט זײַן אונטערגעוואָרפֿן אונטער דער מאָדע, געצווּנגען נאָכצוטאָן דאָס, וואָס אַלע טוען...

אָבער דאָס אַרײַנצִיען זיך אין זיך זאָגט ניט אַז פֿונעם „תּיקון־העולם" איז ער זיך מיאש, האַלט די וועלט פֿאַר אַ פֿאַרפֿאַלענע. אַדרבה, ער גלייבט אַז די אויסלייזונג פֿון דער וועלט, איר באַנײַונג אויף בעסער, וועט מוזן קומען.

אָבער גלײַכצײַטיק איז ער אויך פֿעסט איבערגעצײַגט אַז די „באַנײַונג“ פֿון דער וועלט וועט ניט קומען ניט דורך פּיפּיקע פּאָליטיקער, ניט דורך קונציקער רעאָרגאַניזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט — נאָר דורך גוטע אויסשלײַפֿונג פֿון מאָראַל־עסטעטישן געשמאַק, פֿונעם חוש־ההבֿחנה בין טובֿ לרע. און היות די דאָזיקע קאַמפּס־מעטאָדע הייבט זיך דאָך קודם־כּל אָן פֿון אייגענעם **איך** — איז אויף צו זײַן אַ קעמפֿער פֿאַר דער פֿרײַהייט גאָר ניט נייטיק צו געפֿינען זיך אין די צענטראַלע שטעט, צווישן קאָמפּאַקטע מאַסן, און פּראַווען „דעמאָנסטראַציעס“ אויף די גאַסן — נאָר מע קאָן זיצן אין קלענסטן דערפֿל, אָדער גאָר אין אַ וואַלד, און עוסק זײַן אין דער באַפֿרײַונג פֿון דער וועלט.

זיצט טאַקע דער „אחד הרבנים המרגישים“ אין זײַן קליין שטעטעלע צווישן זײַנע חבֿרים, די ביימער פֿון וואַלד, און קעמפֿט אייגנאַרטיק פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון דער מענטשהייט. ער שאַרפֿט זיך אויס פֿון טאָג צו טאָג אין דער שטרעבונג צו ערלעכקייט און אין עקל צו נידערטרעכטיקייט. ער סטאַרעט זיך אויך אויסצואַרבעטן אַ ריינע מאָראַלישע אַטמאָספֿערע אין נאָענטן קרײַז וואָס אַרום זיך. פֿון צײַט צו צײַט כאַפּט ער זיך אַרויס מיט דעזינפֿעקציעס. אויך אויף ווײַטערע שטחים: ווען עס דערטראָגט זיך צו אים אַ סלוך פֿון ערגעץ אַ שטעטל פֿון זײַן געגנט וועגן אַ געשיכטע פֿון אַ רודף מיט אַ נירדף, הויפּטזעכלעך פֿון אַ גאַנצער כאַליאַסטרע רודפֿים אויף איין נירדף, הייבט ער אָן קלאַפּן אַהין פֿײַערדיקע בריוו. ער באָמבאַרדירט אויף דעם כוליגאַניזם...

אָבער זײַן עיקר־באַשעפֿטיקונג איז שרײַבן ספֿרים וואָס זייער אינהאַלט און אויפֿגאַבע איז — וועקן צו ערלעכקייט און פֿאַרמיאוסן רישעות. ער טרעט אויך אָפּט און אָפּט אַרויס מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען. דאָס טרעפֿט ווען ס'פּאַסירט אין דער וועלט אַ געשעעניש, וואָס פֿאַרטשעפּעט אַ סטרונע פֿון זײַן האַרץ.[22]

אין יאָר תּרס"ד דרוקט ער אָפּ אַ בראָשורע **היהדות והחרות**. אין איר ווערט דורכגעפֿירט אַ קריטיק, דורכגעפֿלאָכטן מיט אַ שאַרפֿן סאַרקאַזם, קעגן דעם פּוסטן „נאַציאָנאַליזם“, וועלכער אַנטהאַלט ניט אין זיך קיין ייִדישן אינהאַלט, און שטאַמט בלויז פֿונעם שקלאַפֿישן ווילן נאָכצוטאָן די גויים. אין דער זעלבער בראָשורע ווערט אויך שטאַרק אויסגעלאַכט די ציוניסטישע פֿײַערווערק מיט זייערע סענסאַציעס וועגן די „אוידיענצן“ וואָס „הערצל“ האָט זיך דערשלאָגן בײַ „מלכים־ושׂרים“, מיט וואָס מע האָט געהאַלטן אין איין באַרוישן דעם עולם. אין יאָר תּרע"ב דרוקט ער אָפּ אַ ספֿר **מוסר התורה והיהדות**, „דרשות“ וואָס ער האָט געזאָגט אין פֿאַרשידענע צײַטן. אין זיי ווערט דורכגעפֿירט זײַן באַזונדער וועלט־אַנשויונג, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט פֿון די מאַטעריאַלן פֿון מאָראַל און גײַסט, מיט וועלכע ס'איז פֿול דער ייִדנטום. אין די דאָזיקע דרשות ווערט אויפֿגעדעקט און אויפֿגעקלערט דער „מאור־שבתּורה“, און ס'ווערט אויך שטאַרק געטאַדלט די וואָס פֿאַרפֿינצטערן און פֿאַרקריפּלען די מיצוות פֿון דער תּורה, און ניצן זיי אויס פֿאַר זייערע נידערטרעכטיקע צוועקן.

אין זעלבן יאָר דרוקט ער אָפּ אויך זײַן ספֿר **האמונה הטהורה והדת ההמונית**. אין אים ווערט באַהאַנדלט די זעלבע טעמע וואָס אין דרוש־ספֿר, נאָר אין אַ ליטעראַרישער פֿאָרמע. און אַלס רעזולטאַט פֿון די געדאַנקען וואָס ווערן אין אים אַרויסגעזאָגט פֿירט זיך אַרויס אַ שטאַרקע מחאה קעגן דעם פּראָיעקט, וואָס האָט זיך אין יענער צײַט פּראָיעקטירט אין געוויסע אָרטאָדאָקסישע קרײַזן, צו שליסן — צוליבן צוועק פֿון חיזוק־הדת — בלאָט מיט דער צאַרישער מאַכט און מיט די רעאַקציאָנערן פֿון דער מדינה.

---

[22] זע אין דער "השמטה".

IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**ביאָגראַפֿיע פֿון אחד הרבנים המרגישים • Biography of "One of the Sensitive Rabbis" (Part 3)**

by Rabbi Aaron Shmuel Tamares, translation by Ri J. Turner

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (May 2017)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/biography-of-one-of-the-sensitive-rabbis-part-3]

# ביאָגראַפֿיע פֿון "אחד הרבנים המרגישים"—1
# Biography of “One of the Sensitive Rabbis” (Part 3)

Rabbi Aaron Shmuel Tamares
translated by Ri J. Turner

**Introduction:** Rabbi Aaron Shmuel Tamares was born in 1869 near Maltsh, Grodno Governorate. After distinguishing himself in traditional studies, he inherited his father-in-law's rabbinic post in Milejczyce, a small town which recalled for him the setting of his rural childhood, much to his delight. Tamares joined Netzach Yisrael, a student branch of Hibbat Tzion, while studying at the Volozhin Yeshiva, but a decade later, after attending two Zionist assemblies, Tamares realized that the organizational culture of the Zionist movement clashed profoundly with his own “aesthetic” preferences and his deeply held beliefs about the essential character of the Jewish people (apolitical and pacifist, above all). At that point he left the movement, and after a short period of doubt and exploration, spent the rest of his life writing articles, letters, and books (primarily in Hebrew) expressing his critiques of modern Jewish politics and his visions for an alternative approach.

In 1929, Zalman Reyzen would include an entry about Tamares in his *leksikon fun der yidisher literatur, prese, un filologye*. As a basis for this entry, Tamares composed an autobiographical essay (probably ca. 1926), in Yiddish, about his life and work, with an emphasis on the formative moments in his political development. Characteristically, the essay is extremely long (seventy-six handwritten pages), trenchant to a fault, and redolent with the prickly false modesty of a man who spent his adult life refusing to join any movement (no small feat in the Jewish Pale of Settlement at the turn of the last century). In contrast, the entry that Reyzen eventually included in the *Leksikon* is only five columns long, and, naturally, devoid of Tamares's sardonic, charismatic voice.

To the best of my knowledge, the essay, which resides in the YIVO Archives in New York, has never before been translated into English. A Hebrew translation by Shlomo Zucker appeared in 1992, along with a facsimile of the original Yiddish text, in Ehud Luz’s anthology of Tamares's selected Hebrew writings, *Patsifizm LeOr HaTorah* (Jerusalem: Dinur Center, Hebrew University). The essay, which provides a rare window onto the margins of Eastern European Jewish political life during the rise of Zionism (and includes cameo appearances by the likes of Mendele Moykher Sforim and Ḥayyim Naḥman Bialik), is intriguing not only for historical reasons, but also from a

literary and psychological perspective. Jewish history has no shortage of figures whose acuity, stubbornness, and prophetic tendencies have prevented them from participating cooperatively in the political and cultural projects of their era. In his autobiographical essay, Tamares tells us exactly how he became one such figure—and he expresses a galvanizing, sometimes self-contradictory confluence of political ideas (pacifism and liberationism, humanism and Jewish triumphalism, individual conscience and communal sovereignty) that are all still very much alive today—and still just as difficult to reconcile as they were in 1926.

*Translator's acknowledgments and copyright information*:
Many thanks to Rabbi Everett Gendler, one of Tamares's intellectual and spiritual heirs and his primary translator into English, who pointed me toward this document. I am grateful to Dr. Barry Mesch of Hebrew College in Newton, MA, who advised my master's thesis project out of which this translation sprouted. Thanks also to Fruma Mohrer, Senior Archivist at the YIVO Archives in New York, Dr. Ehud Luz of Haifa University, and The Dinur Center for Research in Jewish History at Hebrew University for their assistance with reproductions and copyright permissions. The Yiddish manuscript is housed at the Archives of the YIVO Institute for Jewish Research in Collection RG 3 (Yiddish Literature and Language), Folder 3222. The manuscript was reproduced in the book *Patzifizm LeOr HaTorah* (Ehud Luz, ed., Jerusalem: Dinur Center, 1992), which also contains Shlomo Zucker's annotated translation of the manuscript into Hebrew, as well as a detailed introduction to Tamares's life and work written by Ehud Luz, both of which I consulted extensively in the process of translating Tamares's autobiographical essay into English.

# Biography of "One of the Sensitive Rabbis"(Part 3)

Chapter XI

At first, "One of the Sensitive Rabbis" did not intend his essays, which he wrote in the forest surrounded by trees, to be read by a public audience; nor did he intend to use them to repair the world from which he was so cloistered. Rather, he was driven to write political essays by an inner urge—the same urge that drives the poet to pen odes to the wonders of nature—with the single difference that the poet who becomes inspired by the lovely woods where he has taken a stroll pours out his feelings on paper in order to be able to share his impressions with society; but as for the Sensitive Rabbi, whenever he became upset by an impure event that took place in society, he fled to the forest and poured his heart out before the innocent trees—and, with their help, put pen to paper.

That was generally the first phase. Afterwards, when his seething soul had been somewhat soothed by the process of expressing itself on paper, his inner "freedom fighter" would emerge and demand its share. At that juncture he sought avenues to bring to the public those writings which he had initially jotted down for his own eyes alone.

But even the "freedom fighter," in its quest to publish his words, had *himself* in mind first and foremost—above all, the desire to free his own "I" from the corrupt influence of the reigning mores. And this is the reason he did not restrain himself from speaking quite frequently to the world, even after experience taught him that the world was deaf as a post in the face of honest speech. Indeed, his venture was invulnerable: whether or not society inclined its ear to hear his words, he himself tore free of its dominion by skipping the preliminaries and saying to its face the truth that was in his heart.

The fact that his primary purpose in writing for the public was ensured from the start enabled him to confront injustice without flinching. Reassured by his own steadfastness, he allowed himself a tiny hope that in the end, his words would penetrate the hearts of his audience, and he would realize his dream of spreading freedom and purity throughout his surroundings.

His dream of liberating his milieu, i.e., the Jewish world, did not limit itself to those provincial shores; he also dreamt passionately of liberating the entire world—for although he wrote only in Yiddish[1] for a Jewish audience, he knew that the Jewish people as a liberated spiritual force would contribute immeasurably to the liberation of all humankind. If the way to liberation was, as he believed, the correction of the heart and the development of moral-aesthetic discernment—why, who was better suited to toil for the cause of freedom than the Jewish people? Who else ought to serve as the vanguard of human liberation and renewal, other than the People of Exile and Torah, who from long experience of persecution have come to learn so many spiritual lessons?

[1] [sic]—despite the fact that by his own account, he published the vast majority of his writing in Hebrew. Here he intends "Jewish languages" (i.e., including Hebrew), rather than Yiddish itself.

## Chapter XII

Immersed in his dreams of world-liberation, the Sensitive Rabbi was of course sympathetic to the socialist movements, which were dedicated to the same cause. Sympathetic—but no more than that. To join them—as mentioned above—was impossible: their Marxism was too dry a dish for his palate. He appreciated the "socialism of the heart," but not the "socialism of numbers." The literature which depicted, on one hand, the sorrowful life of the impoverished cobbler, the way he sits in his dank basement quarters at midnight, his eyelids drooping, bent over a leather sole by the light of a kerosene lamp, groping dimly for his awl; and on the other hand, the formidable luxury, the wine and song flowing freely, just across the street in the large, brightly lit rooms of the banker's house—this literature, whose aim was to awaken compassion for suffering and disgust for depravity and selfishness, spoke to the sensibilities of the Sensitive Rabbi. This sort of literature was familiar to his soul; it was similar to the Jewish *musar*-tradition,[2] from which his soul drew its nourishment.

But the literature that attempted to calculate the true worth of the shoe-sole, awaken the cobbler's awareness of the "others" who live off his labor, and inflate his self-image so that he prances around believing that without him, the world will stop turning—this sort of literature was less to his taste. The compassion-oriented literature was designed to liberate those who were suffering, whereas the shoe-sole-appraising literature was designed to relocate despotism to a new headquarters. The money-magnates would be replaced by the shoemaker-magnates, who would cry, "No one but we deserve anything and no one but we have the right to live in this world!"

Indeed, the Sensitive Rabbi knew quite well that in addition to the vagaries and tragedies of war, there was no shortage of misfortune and exploitation even in peacetime. But nevertheless, the horror of war—the sheer notion of wresting people from their homes in order to line them up opposite cannonfire—dominated his consciousness. In his opinion, war stood at the head of all worldly horrors and required a dedicated counter offensive; therefore, he was bewildered by the socialist press, which failed to dedicate the necessary attention to the subject.

"If you throw a stick into the air, it will come back down," as the Talmudic saying goes.[3] The Sensitive Rabbi could not tear himself from his little town, from the forests and fields he had known since childhood—and so too, the battlefield painting that had hung in his neighbor's house, and the weeping of the neighbor-woman over her slaughtered son, had imprinted themselves on his mind's eye and remained perpetually at the forefront of his consciousness.

His belief that war was the matter that demanded the freedom fighter's most urgent attention, further strengthened his conviction that the Jewish people was called to serve as the vanguard of world liberation, for who else is more averse to war, more attuned to the horror of bloodshed, than the Jew?

---

[2] *Musar*: literally, "chastening" or "discipline." The name of an extensive body of Jewish literature, and later a religious movement, dedicated to ethics, moral discipline, and self-improvement.

[3] See e.g. Bereishit Rabbah 53:15.

The story of himself, the little Jewish boy, mourning with the Gentile woman over her son the war casualty, now served for him as a symbol of the international Jewish mission to awaken in all peoples the fitting sentiment of condemnation toward war. For it is the free, delicate Jewish spirit, woven of exile and Torah, which feels most acutely the horror of bloodshed and the disgrace of coercing a person to serve as a stadium-ox.[4] In contrast, the goy, the Esau, is more likely to defend his lentil-bowl, his mess of pottage—that is, to react to an offense against his pay envelope—than to resist being dragged like a sheep onto the battlefield, to shoot at others until he is shot dead . . .

## Chapter XIII

In 1914 the European war broke out, and the ignominy of the Gentile world unfurled itself before the eyes of the Sensitive Rabbi. He did not know what astonished him more: the slavish acquiescence of the goyish masses, who allowed themselves to be carted off to the slaughterhouse (the Jewish conscripts were exempt from this critique, considering that they were powerless to change their fate—if they had resisted the draft, they would have been branded "enemies of the fatherland"), or the falsehoods spun by the goyish intelligentsia, who went so far as to glorify the whole debacle. And glorify they did, without exception—even the greatest humanitarians among them, the sentimental writers who used to lament the suffering of the poorer classes and bemoan the tragedy of life, now turned into enthusiasts who spoke of war as a path to global redemption. The Sensitive Rabbi concluded from this that any talk of "compassion" coming from the mouths of goyim was nothing more than a superficial affectation.

But more than anything, he was shocked by the discovery that even the socialists in every country (including the Russian socialists), who had been quarreling so bitterly with their governments a moment before—as soon as the latter cried "War!" and invited them to the party, they were suddenly quite pleased, and started to bray "Patriotism, hurrah, patriotism!" and returned to the national fold in order to play their part in the farce of "going off to liberate the nations" . . .

"European Civilization," already long suspect in his eyes, had now been caught red-handed. He was distraught over the opprobrium of the war, but he was also prone to a sneaky sense of satisfaction: European culture, which had humiliated and spit upon the Jew, now took off its mask and showed its true colors—and the Jew could hold his head high again.

His disgust for depravity and his stormy temperament allowed him no rest; they prodded him to respond to the current debacle in some manner. But how? It was dangerous to unveil the charade in the press, and besides, there was no press to speak of—the press had given itself over to the task of glorifying and sanctifying the whole fiasco. Truly, what was to be done?

So he sprayed disinfectant in his vicinity, orally and in writing, as far as he could reach. Anytime he had a conversation, he found a way to point out the current

---

[4] i.e., an instrument of someone else's will to violence. See Mishna Bava Kamma 4:4, "An ox from the arena is not liable to be put to death [for goring], for [it is not that he decides to gore, but rather] he is made by others to gore."

fraudulence and distortion. Anytime he wrote a letter, he slipped in a few jabs at the present-day Golden Calf. He couldn't resist including such barbs even in correspondence with officials, for whom "patriotism" was a matter of self-interest . . .

For example, the local Russian priest appealed to him to collect donations from amongst the Jewish community for the Red Cross. He fulfilled the request the first time, but when the priest approached him a second time, he answered him saying, "In my opinion, the entire population that lives in the war-torn regions is already under great pressure, and it is therefore unfair to ask them to shoulder any of the additional costs of war. There is even an adage: 'It is not the rich man who foots the bill, but rather the guilty party.' And our unfortunate population is not guilty in the slightest with respect to the pandemonium that the high and mighty have inflicted on this land . . . "

In answer to the *zemskii nachal'nik*[5] who invited him to a conference concerning the welfare of the wives and children of the reservists, he sent his regrets, explaining that his state of health did not permit him to travel. "However," he concluded, "if the conference were to address the topic of how to avoid tearing husbands and fathers away from their families in the first place, I would draw upon my last reserves of strength in order to attend."

Around that time, a group of Jewish leaders in St. Petersburg sent a couple of wagons to the Front, laden with various goods to distribute among the soldiers without regard to national identity, with the inscription, "A gift from the Jewish people to the heroes of the battlefield." One of the main organizers was the well-known Jewish lawyer S-g.[6] In a letter that the Sensitive Rabbi sent to S-g around that time concerning a local community issue, he added as a postscript (despite the fact that at the time, letters were generally inspected by the postmaster) that he would have deeply approved of the mission if the inscription had read, "A gift from the Jewish people for those *suffering*, without regard to national identity." That would have been a true sanctification of God, an expression of Jewish compassion. In contrast, an inscription that conveys adulation for 'good brawlers' cannot serve as a consecration of the Name of Israel . . .

His alarm only increased when he realized that the epidemic of war-acquiescence had spread even to the Jewish community. He had no way to assuage his own anger, except by keeping a private "blacklist" of Jewish public figures, especially Jewish writers, who were carriers of the disease. He methodically examined every word that emerged from a writer's pen. One single contaminated phrase was enough to earn a writer a place on the list.

## Chapter XIV

The newspaper *HaTzefirah* was one of the first to be infected, as far as the Sensitive Rabbi could tell from the newspaper's appeal to readers, in which it attempted to drum up support by mentioning that "many of our members have gone off to fulfill their duties to the Motherland . . . " Of course, he needed this piece of evidence only at first. Later on, it was quite obvious that *HaTzefirah*, like all of the Russian newspapers, was

---

[5] Highest-ranking local Russian official.
[6] Probably Genrikh Sliozberg, 1863-1937.

besmirched with the prevailing putrefaction. When Z. Epstein[7] wrote an editorial in *HaTzefirah* scolding the readership for allowing the only extant Hebrew newspaper to waste away, the Sensitive Rabbi replied with a letter to the effect that in an era in which the press is being debauched by the military Asmodeus, it is preferable for a respectable newspaper to go to its eternal rest, rather than surviving only to fall into disgrace.

As far as the Sensitive Rabbi was concerned, when a writer uttered an expression like "Indeed, we are living in momentous times," it was enough to earn him a designation as a fool at the very least, if not a downright villain. Needless to say, when a writer bemoaned the "Jewish tragedy"—that a "Jewish soldier should have to shoot a brother, a Jewish soldier from another land," or (as the Hebrew poet Y.C.[8] put it) that "a Jewish mother does not know to what end her only son was slaughtered in the war"—the Sensitive Rabbi naturally sensed that the Zionist Fatherland's "pimp" was speaking through his mouth.[9]

But no one disgusted the Sensitive Rabbi more than the Zionist leadership, who not only spoke like war-pimps, but also acted as such. Anyone with a sharp mind and a clear conscience necessarily developed an aversion to the slogan "Fatherland" at the outbreak of the global orgy of destruction, given that it was the banner under which the Destroyers rushed headlong to light the world on fire. In contrast, our Zionist "romantics" scrambled over to warm themselves at the flames. Their beady eyes began flashing with wolfish sparks, in hopes that the time had come to manifest their lofty dream of a "Fatherland." And to that end they began hobnobbing with the Chief Arsonists of the World, and danced before them on their hind legs, garlanding them with praise: "Oh ye Liberators of the Peoples . . ."

Even some most unpleasant facts did not deter their hymns of praise, such as the tens of thousands of Jewish victims who were afterward slaughtered in Ukraine, Hungary, and the rest of the little countries who relied on the gang of "Liberators" like son-in-laws *af kest*[10] and received a bellyful of provisions from them, not to mention armaments—and who served as their vassals, instruments of their will. They were similarly undeterred by the merciless anti-Semitism that flared up beginning after the "War of Liberation" in all the lands under the aegis of the "Liberators," anti-Semitism which oppressed and tortured Jews to death. Like Wilhelm II's "true statesmen," who are ready to sacrifice their entire people for the sake of one clod of earth from the "Fatherland," our Zionist leaders forgave the world powers all the tortures that they had inflicted upon Jews in the lands of exile, in return for one small favor: that they speak up on behalf of the "Jewish National Home"; i.e., that they shout, "Accursed Jews, beat it—make yourself scarce here, onward to Palestine . . . "

His distaste for Zionism was augmented by the interpretation of the World War that was embraced even by the likes of Max Nordau. For even Nordau, the Zionist hero, earned his place on the list of writers whom the Sensitive Rabbi suspected, based on a

---

[7] Zalman Epstein, 1860-1936.

[8] Ya'akov Cohen (1881-1960), in the poem "Kinat Em" (see Luz p. 18 n. 18).

[9] Because the poet imagines that the mother of the slain soldier would *not* have felt that her son had died in vain if he had died for the Jewish homeland (see Luz p. 18 n. 20).

[10] *Kest*: The (primarily economic) support received by newly married men living with their wives' families during the early months or years of marriage.

single impure statement, of war-pimping. That particular "hero" made it onto the blacklist when at the signing of the Treaty of Versailles, he was heard to state the following: "In the name of the seven hundred thousand Jewish soldiers who fought on every front, the Jewish people has the right to appeal to the Nations and make its claim upon the Land of Israel."

This so-called Zionist prophet, who had so enchanted the Sensitive Rabbi and captured his heart for Zionism with his charismatic harangues against the oppressors of the Jews which he had delivered at the early Zionist congresses (because the Sensitive Rabbi was a young man at the time and was not yet acquainted with the lingo of politicians, not yet able to discern between freedom and "freedom," did not know that even the greatest despots take the liberty of ranting about the abstract idea of an "enslaved people" and an "enslaved land," while simultaneously oppressing the real live people under their power)—in short, this "prophet" who had once upon a time helped to draw the Sensitive Rabbi into the Zionist movement, now did his part to ensure that the Sensitive Rabbi would utterly reject that movement, which had revealed itself during the world-Bacchanalia to be a blood relative to all the world's monstrosities.

## Chapter XV

But the Sensitive Rabbi could not quell his dismay about the war by means of such trifles as branding one or another writer as a carrier of the war-lackey pestilence, or throwing a barbed comment into a letter to this or that war-opportunist. No—he could not rest until he had immortalized his reaction in some kind of printed work. In fact, he had already prepared a manuscript of a poem in Hebrew, entitled "The Day of Reckoning is Here,"[11] which he had composed during the summer of 1914 in response to the mobilization proclaimed by the Czar (whose minions came in the middle of the night to drag the reservists out of bed and ship them off to the war). In the poem he assigned each sector of society its portion of guilt for the war-fiasco, and justified the consequences which each had suffered as a result. However, he was unsure whether the poem would be able to pass the inspection of the current censor, so instead he undertook the task of composing his book *The Assembly of Israel and the Wars of the Nations*.[12]

He wrote the book in a serene tone, without turbulence, because it chiefly expressed the secondary feeling that the events of the war had evoked in the author: satisfaction about the bankrupting of European civilization, the chief agent of the persecution of the Jews. In the book he carried out a scientific analysis of the reasons for the war, and came to the conclusion that the war was no coincidence, but rather an unavoidable result of the entire corrupt, crippled, hypocritical lifestyle led by the so-called "civilized peoples." In a serene tone but with sharp humor, he ridiculed both the leaders who herded masses of people to the slaughter, and the masses who allowed themselves to be herded. He also awakened self-appreciation among Jews—awareness of the dignity of *yidishkeyt*, which stood above the swamps of war, above the bloodbaths into which all peoples were sinking. He did this with full confidence, despite the fact

[11] "Ba'u yemei hapekudah," see Hosea 9:7.
[12] *Keneset Yisrael uMilhemot HaGoyim*, Warsaw, 1920.

that, to his disappointment, no small number of Jews had already revealed themselves to be war-pimps. He was convinced that these swindlers did not nurse at the breast of Judaism, but rather had been infected by the Gentile neighbors to whom their souls were enslaved.

At first, one thing troubled the security of his pride in the uniquely Jewish attitude toward war, namely, a rumor that not all Gentile socialists had submitted to their governments and lent their energies to the war-Bacchanalia. Rather, a number of socialists (called Bolsheviks) were in fact opposed to the war. By chance, however, a Bolshevik book entitled *Against the Current* fell into his hands, and from reading it he discovered that the Bolsheviks were also quite comfortable with mass murder—they merely gnashed their teeth over slaughter carried out for the benefit of the "capitalists." They called upon the "world proletariat" to redirect the bloodbath toward the objective of the Marxist ideal—that is, to fight as long as it takes to establish the Socialist World Order, i.e., to decimate the entire world for the sake of establishing the socialist "paradise" for the next generation . . . The Sensitive Rabbi knew that a movement whose struggle for freedom stems not from any moral-ethical principle, but rather from "special interests" (and whose entire body of "freedom-propaganda" lacked even the smallest shred of heart, but rather was filled with a hard, dry accounting of the percentage of the laborer's profit that ended up in the boss's pocket), was unlikely to reject war as a means to an end, as long as it was advantageous to the state of the worker's wallet—but he was nevertheless shocked to find such sentiments written in black and white by the supposed elites of the freedom movement.

After that, it was clear as day that not a single sector of the goyish world was untouched by Esau's vocation, "and by thy sword thou shalt live,"[13] and that the one and only people capable of true insight into war, and an appropriate feeling of hatred toward it, was the Jewish people.

By then he had given up entirely on the idea that mankind in its sickly state could expect to receive any relief from the socialists. "What a movement you have," he thought to himself about the socialists. "t's so dull-witted as to be entirely insensible to the horror of war; it lacks the insight to assign that horror its unique status as the zenith of human evil; and it confuses the horrific and universally unjustifiable disgrace of despoiling a man of the freedom to carry his head on his shoulders with the convoluted problem of labor and capital. You postpone the cure for the atrocities of war until after the wage for the leather shoe-sole has been regulated, and you even consider making use of the gruesome war-cudgel as a means to effect that regulation . . . May your befuddled minds thrive," he continued to himself, "in corresponding proportion to the likelihood that you'll manage to overthrow your tyrants, considering that you count yourselves among the backers of their very worst deed: warmongering."

At that, he sat down with ironclad confidence to write the book *The Assembly of Israel and the Wars of the Nations*, in which he invested all his hopes for human redemption in the Jewish people, that is, in the techniques of improving the human heart and uplifting the human spirit—techniques which have forever stood at the center of Jewish culture, and which comprise the historic mission of the Jewish people. He

---

[13] Genesis 27:40.

published the book in 1920, and thereby immortalized his impressions of the period during which European civilization went bankrupt and showed its true face.

In 1923 he published a book of insights into Torah entitled *The Hand of Aaron*,[14] with a literary introduction about the importance of studying Torah.

In 1926, the Zionist leadership decided to demonstrate yet again that their tendency to cozy up to the great powers of the world was not merely a stratagem motivated by their fetish for a "national home," but rather reflected the deepest inclination of their careerist souls . . . They cooked up a big celebration in honor of the "flag of the Jewish Legion," which they dragged all the way to Jerusalem to stick into the ground of some holy site.[15] Even though the Sensitive Rabbi was already estranged from Zionism, Zionists were still Jews, and it irritated him that they were ruining his holy dream about the Jewish people which he had elaborated in *The Assembly of Israel and the Wars of the Nations*. So he printed a protest article in the *Vilner Tog*, in no. 37[16] and five additional installments.[17]

*Finis*.

[14] *Yad Aharon*, Piotrkow, 1923. Although this is the last of his books that Tamares lists here (and probably the last book he had composed at the time when he wrote this essay), he did also ultimately publish a sixth book: *Sheloshah Zivvugim Bilti Hagunim* (Three Unsuitable Partnerships), Piotrkow, 1930.
[15] For more on this incident, see e.g. "A Winter in Palestine," Abbi Samuel, *The Jewish Transcript*, Seattle, WA, 19 Feb 1926.
[16] 12 Feb 1926.
[17] No. 41 (17 Feb), No. 43 (19 Feb), No. 44 (21 Feb), No. 47 (24 Feb), and No. 49 (26 Feb).

# ביאָגראַפֿיע פֿון "אחד הרבנים המרגישים"—3

יב.

טרוימענדיק וועגן אַ וועלטס־באַפֿרייַונג האָט דער „אחד הרבנים המרגישים“, פֿאַרשטייט זיך, סימפּאַטיע צו די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע פֿאַרנעמען זיך אויך מיט דער זעלבער זאַך. אָבער מער ניט ווי סימפּאַטיע. וואָרעם מיטגיין מיט זיי — ווי ס'איז שוין אויבן דערמאָנט — קאָן ער ניט. פֿאַר אים איז דער „מאַרקסיזם“ אַ צו טרוקענער מאכל... ער ליבט דעם האַרץ־סאָציאַליזם אָבער ניט דעם ציפֿער־סאָציאַליזם. אַז די סאָציאַל־געשטימטע ליטעראַטור שילדערט דעם טרויעריקן לעבן פֿון אָרעמען שוסטער, ווי אַזוי ער זיצט אין זייַן פֿייַכטער קעלער־ווינונג האַלבע נאַכט מיט קלעפּעדיקע אויגן איַינגעבויגן איבער דער פּאָדעשווע פֿאַר אַ קליין קאָפּטשערל און טרעפֿט קוים ווי צו טאָן דעם שטאָך, פֿון איין זייַט, און דעם סטראַשנעם ראָסקאָש, די וויַינען מיט די געזאַנגען וואָס ווערט געגאָסן דערבייַ אַנטקעגן אין די גרויסע באַלויכטענע צימערן פֿון באַנקירס ווינונג, פֿון דער אַנדערער זייַט — דער דאָזיקער טייל ליטעראַטור, וואָס האָט די אויפֿגאַבע אויפֿצוּוועקן דעם רחמנות־געפֿיל צום לייַדנדיקן און אַ געפֿיל פֿון עקל צום אויסגעפֿרעסענעם עגאָיִסט, פֿאַרנעמט זייער דעם „אחד הרבנים המרגישימס“ האַרץ, ווייַל דאָס איז זייער נאָענט צו זייַן נשמה און צום ייִדישן מוסר־ספֿר, פֿון וואַנען זייַן נשמה ציט איר יניקה. אָבער דער טייל ליטעראַטור וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן אויסרעכענען דעם ריכטיקן חשבון פֿון דער פּאָדעשווע, אויפֿמערקזאַם מאַכן דעם שוסטער אַז „אַנדערע“ לעבן פֿון זייַן פּראַצע, און אויפֿבלאָזן אין אים זייַן הכּרת־עצמותו אַרומצוטראָגן זיך שטענדיק מיטן געדאַנק, אַז דורך אים שטייט אָדער גייט די גאַנצע וועלט — די ליטעראַטור קריכט אים שוין ניט אַזוי גוט אויף דער נשמה... די מיטליידשאַפֿטלעכע סאָציאַל־ליטעראַטור האָט די אויפֿגאַבע צו באַפֿרייַען דעם לייַדנדיקן, און די פּאָדעשווע־רעכענונג־ליטעראַטור האָט די אויפֿגאַבע איבערצוּוועקסלען דעם דעספּאָטיזם פֿון לאַגער צו לאַגער: אויפֿן אָרט פֿון געלטמאַגנאַטן, זאָלן אויפֿשטיין קאַמאַשן־מאַכערשע מאַגנאַטן... און שרייַען אַז „נאָר אונדז קומט אַלצדינג און נאָר מיר האָבן אַ רעכט צו לעבן אויף דער וועלט“.

כאָטש דער „אחד הרבנים המרגישים“ ווייס שוין דאַמאָלס אַז אויסער מלחמה־ווילקיר מיט מלחמה־צרות אויף די שלאַכטפֿעלדער אין קריגסצייַט, איז פֿאַראַן גענוג באַרויבטע און אומגליקלעכע אויך אין די געווייַנטלעכע יאָרן אין די פֿייַכטע קעלער־ווינונגען — דאָך איז דער מלחמה־גרויל — דאָס אַרויסשלעפּן מענטשן מיט גוואַלד פֿון די הייַזער און אַוועקשטעלן זיי אַנטקעגן האַרמאַטן־שאָסן, פֿאַרנעמט זייַן גאַנצן רעיון, און שטייט בייַ אים אין שפּיץ פֿון אַלע גרוילן, קעגן וואָס ס'באַדאַרף אָנגעווענדט ווערן אַ באַזונדער קאַמף. און ער איז דעריבער פֿול מיט פֿאַרוּוּנדערונג אויף דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, פֿאַר וואָס זי ווידמעט ניט דעם מלחמה־גרויל די געהעריקע אויפֿמערקזאַמקייט.

„זרוק חוטרא אעיקריה קאי“, זאָגט דער תּלמודישער ווערטל. פּונקט ווי דער „אחד הרבנים המרגישים“ קאָן זיך כּל־ימיו ניט אָפּרייַסן פֿון דער קליינער שטעטל, פֿון פֿעלד און וואַלד, מיט וועמען ער איז באַקאַנט פֿון קינדווייַז — אַזוי אויך די „מלחמה־בילד“, וואָס ער האָט געזען קינדווייַז הענגענדיק בייַם „גוי“ אין שטוב מיטן געוויין פֿון דער „גויע“ אויף איר זון וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, האָט זיך בייַ אים אין מוח איַינגעקריצט צום שטאַרקסטן, און פֿאַרנעמט אייביק זייַן גאַנצן רעיון.

דאָס וואָס די מלחמות באַדאַרפֿן, לויט זײַן מיינונג, ציִען אויף זיך די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די פֿרײַהייטס־קעמפֿער, פֿאַרשטאַרקט בײַ אים נאָך מערער זײַן באַשלוס, אַז ייִדן זענען באַרופֿן צו זײַן דער אַוואַנגאַרד פֿון דער וועלט־באַפֿרײַונג. וואָרעם ווער איז נאָך אַזוי אָפּוויַיכנדיק געשטימט צו מלחמות, ווער איז אַזוי עמפֿינדלעך פֿאַר דעם גרויל פֿון בלוט־פֿאַרגיסונג אַזוי ווי דער ייִד?

די געשיכטע וואָס ער, דער קליינער ייִדישער ייִנגל, האָט אַ מאָל באַוויינט צוזאַמען מיט דער „גויע“ דעם טויט פֿון איר זון, דעם מלחמה־קרבן, — דינט בײַ אים יעצט אַלס סימבאָל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ייִדישער מיסיע אויפֿצוּוועקן בײַ אַלע פֿעלקער די געהעריקע סענטימענטן אויף צו פֿאַרדאַמען מלחמות. וואָרעם נאָר דער פֿרײַער און דעליקאַטער ייִדישער גײַסט, געוועבט פֿון „גלות“ מיט „תּורה“, איז פֿעיִק צו דערפֿילן אַמשאַרפֿסטן די חרפּה פֿון טאַשטשען אַ מענטשן מיט גוואַלד צו ווערן אַ „שור־האצטדין“, און די שוידערלעכקייט פֿון בלוט־פֿאַרגיסונג. אַ גויִשער, אַן „עשׂושער“ סוביעקט אָבער וועט זיך דיר גיכער אויפֿכאַפּן פֿאַר די אינטערעסן פֿון זײַן טעפּל לינדזן: פֿאַר דער עוולה וואָס מע באַגייט קעגן אים אין דעם „אַרבעטסלוין“, ווי פֿאַר דעם וואָס מע שלעפּט אים ווי אַ באַראַן אויפֿן שלאַכטפֿעלד — הרגענען ביז געהרגעט ווערן...

יג.

אין יאָר 1914 ברעכט אויס דער אייראָפּעיִשער קריג. און דאָ דעקט זיך אויף פֿאַר די אויגן פֿון „אחד הרבנים המרגישים“ די גאַנצע שאַנד פֿון דער גויִשער וועלט. ער ווייס ניט אויף וואָס פֿריִער צו שטוינען, צי אויף דער שקלאַפֿערײַ, גולמערײַ, פֿון די גויִשע מאַסן, וואָס לאָזן זיך שלעפּן צו דער שחיטה (מילא ייִדן זענען דערשלאָגענע און קאָנען גאָרניט מאַכן, אַגבֿ אויף ייִדן קאָן מען נאָך אויסשניצן אַ בילבול אַז זיי זענען „שׂונאים פֿון דער פֿאָטערלאַנד“), צי אויף די שקרים פֿון זייער אינטעליגענציע וואָס באַזינגען נאָך דעם סקאַנדאַל. און באַזונגען האָבן אַלע אָן אויסנאַם. אַפֿילו די גרעסטע הומאַניטאַרישע און סענטימענטאַלע שרײַבער, וואָס פֿלעגן פֿריִער אַזוי באַדויערן דעם לעבן פֿון אָרעמען קלאַס, און באַוויינען דעם וועלטשמערץ, זענען יעצט געוואָרן באַזינגער פֿון דער מלחמה, פֿאָרשטעלנדיק איר אַלס וועלט־תּיקון... דער „אחד הרבנים המרגישים“ דערקונדיקט זיך דערפֿון ווי ווײַט אייבערפֿלעכלעך, בלויז פֿראַזעאָלאָגיש, ס'זענען די ווערטער וועגן „רחמנות“, בשעת זיי גייען אַרויס פֿון גויִשע מײַלער...

אָבער מער ווי פֿון אַלץ ווערט ער נשתּומם דערוויסנדיק זיך, אַז אויך די סאָציאַליסטן פֿון אַלע לענדער, צווישן זיי אַפֿילו די רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס אַ מינוט פֿאַרן קריג האָבן זיי זיך אַזוי פֿיל אַרומגעריסן מיט זייערע רעגירונגען, און ווי נאָר די לעצטע האָבן אויסגערופֿן מלחמה און אײַנגעלאַדן זיי צו דער שׂימחה, זענען זיי געוואָרן פֿולקום באַפֿרידיקט, אָנגעהויבן אויך הירזשען „הוראַ, פּאַטריאָטיזם“, און איבערגעגעבן זיך יעדערער אין רשות פֿון זײַן רעגירונג מיטצומאַכן מיט איר די קאָמעדיע פֿון גיין „באַפֿרײַען פֿעלקער...“

ער האָט דאָ געכאַפּט די „אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע“ — די פֿון לאַנג שוין פֿאַרדעכטיקע אין זײַנע אויגן — פּשוט אַזוי ווי מע כאַפּט אַ גנבֿ בײַם האַנט... ער איז העכסט אויפֿגערעגט אויף דער נבֿלה פֿון דער מלחמה, כאָטש גלײַכצײַטיק פֿאַרגנבֿעט זיך בײַ אים אין האַרצן אויך אַ פֿאַרבאָרגענער געפֿיל פֿון הנאה אויף דעם, וואָס ס'איז יעצט אַראָפּגעפֿאַלן די מאַסקע פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור, וועלכע האָט אַזוי פֿיל באַשפּיגן און דערנידערט דעם ייִדנטום. און די לעצטע וועט ערשט קאָנען אויפֿהייבן דעם קאָפּ.

זײַן שאַרפֿער עקל־געפֿיל צו געמיינהייטן מיט זײַן שטורמישן טעמפּעראַמענט לאָזן אים ניט רוען, און פּאָרקען אים צו רעאַגירן מיט וואָס ס'איז אויפֿן גרויסן סקאַנדאַל.

אָבער מיט וואָס רעאַגירט מען? באַלײַכטן דעם סקאַנדאַל אין דער פּרעסע איז אַ סכּנה. דערצו איז גאָר קיין פּרעסע ניטאָ. זי האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן צו דער אַרבעט פֿון באַזינגען און באַהייליקן דעם סקאַנדאַל. וואָס זשע טוט מען פֿאָרט? שפּריצט ער דעזינפֿעקציע־שפּריצן אַרום זיך מינדלעך און שריפֿטלעך, כאָטש אויף ווי ווײַט ער קען דערגרייכן. אין יעדער געשפּרעך וואָס קומט אים דאַמאָלס אויס צו שמועסן מיט אַ מענטשן מוז ער אַרײַנמישן אַ פּאָר אויפֿקלערונגס־ווערטער קעגן דער פֿאַרפֿירעניש פֿון טאָג. אין יעדער בריוו וואָס אים קומט אויס שרײַבן צו עמעצן, מוז די שרײַבעכץ דערפֿירט ווערן ביז אַרײַנשטעכן אַ שפּילקעלע אינעם אָפּגאָט פֿון דער צײַט. ער קען זיך ניט אָפּהאַלטן פֿון אַזעלכע שפּילקעלעך אַפֿילו אין בריוו צו אָפֿיציעלע פּערזאָנען, וואָס דער „פּאַטריאָטיזם“ איז זייערער אַן אייגענער אינטערעס...

צום בײַשפּיל: דעם רוסישן „פּאָפּ“ פֿון זײַן שטעטל, וואָס האָט צו אים צוגעשיקט אַ ביטע מאַכן נדבֿות צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אויפֿן „רויטן קרייץ“, האָט ער דעם ערשטן מאָל דערפֿילט זײַן בקשה. אָבער אַז דער פּאָפּ האָט קורץ נאָך דעם זיך געקערט צו אים אַ צווייטן מאָל, ענטפֿערט ער אים שוין בזה־הלשון: „נאָך מײַן מיינונג איז די גאַנצע באַפֿעלקערונג, וואָס געפֿינט זיך אין די שטרײַטגעביטן, אַליין אויך אַ צעשעדיקטע, אַ דערשטיקטע פֿון דער מלחמה, און מע קען דעריבער פֿון זיי ניט פֿאַרלאַנגען זיי זאָלן נאָך שלעפּן אויף זיך דעם יאָך פֿון די מלחמה־קאָסטן. ס'איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ שפּריכוואָרט: „ס'צאָלט ניט דער רײַכער, נאָר דער שולדיקער“, אָבער אונדזער אומגליקלעכע באַפֿעלקערונג איז דאָך גאָר ניט שולדיק אינעם שדים־טאַנץ וואָס ס'האָבן פֿאַרפֿירט די שטאַרקע פֿון דער וועלט...“

אין אַן ענטפֿער צום „זעמסקי־נאַטשאַלניק“ אויף דער אײַנלאַדונג, וואָס יענער האָט אים אײַנגעלאַדן אויף אַ קאָנפֿערענץ צו באַזאָרגן די ווײַבער מיט די קינדער פֿון די רעזערוויסטן, אַנטשולדיקט ער זיך זייער פֿאַר וואָס ער פֿאָרט ניט, וואָרעם דער געזונטס־צושטאַנד דערלויבט אים ניט. „אָבער פֿונדעסטוועגן — פֿירט ער אויס — ווען ס'זאָל זיך האַנדלען וועגן זוכן אַ מיטל אַז די מאַנען פֿון די ווײַבער און די טאַטעס פֿון די קינדער זאָלן אין גאַנצן ניט אָפּגעריסן ווערן פֿון זייערע פֿאַמיליעס, וואָלט איך זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע קרעפֿטן און געפֿאָרן...“

אַ גרופּע ייִדישע כּלל־טוער אין פּעטערבורג האָבן אין יענער צײַט אַוועקגעשיקט צום פֿראָנט אַ פּאָר וואַגאָן פֿאַרשידענע מתּנות צו צעטיילן צווישן די סאָלדאַטן אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָן, מיט אַן אויפֿשריפֿט: „אַ מתּנה פֿון ייִדישן פֿאָלק צו די העלדן פֿון שלאַכט“. איינער פֿון די עסקנים איז געווען דער באַוווּסטער ייִדישער אַדוואָקאַט „ס–ג“, איז אין אַ בריוו וואָס דעם „אחד הרבנים המרגישים“ איז אויסגעקומען צו שרײַבן אין יענער צײַט צום דערמאָנטן אַדוואָקאַט וועגן עפּעס אַן ענין פֿון זײַן קהילה, שרײַבט ער אים אַגבֿ בײַם סוף בריוו אַ באַמערקונג (ניט געקוקט אויף דעם וואָס מע פֿלעגט דאַמאָלס איבערקוקן בריוו אין די פּאָסטן) אַז די דערמאָנטע אַקציע וואָלט אים זייער געפֿעלן געוואָרן, ווען מען וואָלט אינעם אויפֿשריפֿט געקאָנט אויסדריקן מיט אַזאַ נוסח: „אַ מתּנה פֿון ייִדישן פֿאָלק פֿאַר די **לײַדנדיקע** אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָן“. דאַן וואָלט דאָס טאַקע געווען אַן אמתער קידוש־השם — אַן אויסדריק פֿון ייִדישן רחמנות. אָבער ניט מיטן נוסח, וואָס דריקט אויס אָנערקענונג פֿאַר „גוטע שלעגער“ האָט מען מקדש געווען שם־ישׂראל...

זײַן אויפֿרעגונג האָט זיך נאָך מערער געשטאַרקט ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז פֿון דער זאַראַזע פֿון צובאָמקען צו דער מלחמה האָט זיך אָנגעשטעקט אויך די ייִדישע גאַס.

ער האָט ניט מיט וואָס צו שטילן דעם כּעס נאָר דערמיט וואָס ער כאַפּט און הייבט אָן פֿירן בײַ זיך — און פֿאַר זיך זעלבסט — אַ שוואַרצע ליסטע פֿון די נעמען פֿון ייִדישע פּערזענלעכקייטן, הויפּטזעכלעך פֿון ייִדישע שריפֿטשטעלער, וועלכע זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון דער דערמאָנטער זאַראַזע. ער האָט פֿאַרפֿירט אין דעם ענין זייער אַ שטרענגע קאָנטראָל אויף יעדער וואָרט, וואָס האָט זיך דאַמאָלס אַרויסגעכאַפּט פֿון אַ

שריפֿטשטעלערס פֿעדער. ס'איז געווען גענוג אַז אַ שריפֿטשטעלער זאָל אַרויסוואַרפֿן איין פֿאַרדומפּענעם אויסדריק אום ער זאָל בײַ אים אַרײַנגעצייכנט ווערן אין דער שוואַרצער ליסטע...

יד.

אַזוי איז דאַמאָלס די צײַטונג **הצפֿירה** באַלד אין אָנפֿאַנג ניתּפּס געוואָרן אין זײַנע אויגן אַלס אַן „אָנגעשטעקטע" דורך דעם וואָס אין אַן אויפֿרוף צו איר לעזערקרײַז האָט זי אויף צו באַגרינדן אירע פּרעטענזיעס אויף אונטערשטיצן די צײַטונג — וואָס צוליב דעם האָט זי אַרויסגעלאָזן דעם אויפֿרוף — דערמאָנט אירן אַ זכות וואָס „רבים מחברינו הלכו למלאות חובתם לארץ המולדת..." געווײַנטלעך האָט ער דאָס באַדאַרפֿט נאָר אין אָנפֿאַנג: אַ ביסל שפּעטער איז שוין איבעריק געווען צו באַווײַזן, אַז די **הצפֿירה**, אַזוי ווי אַלע רוסישע צײַטונגען, איז געווען באַפּאַטשקעט מיט דער זאַראַזע פֿון דער צײַט. צום שריפֿטשטעלער „ז. עפּשטיין", וואָס איז אַרויס מיט אַן אַרטיקל אין **הצפֿירה** מוסרן דעם עולם פֿאַר וואָס מע לאָזט דער איינציקער העברעיִשער צײַטונג גוססן, — שרײַבט ער אַרײַן אַ בריוו דורך פּאָסט, אַז אין אַ צײַט ווען די פּרעסע איז פֿאַרגוואַלדיקט פֿון מלחמה־אַשמדאַי, איז פֿאַר אַן אָנשטענדיקער צײַטונג גלײַכער זי זאָל גיין אין איר רו אַרײַן, איידער לעבן אַ לעבן פֿון שאַנד...

ס'איז געווען גענוג אַז בײַ אַ שריפֿטשטעלער פֿון מויל זאָל זיך, צום בײַשפּיל, אַרויסכאַפּן די וויראַזשעניע: „מיר לעבן דאָך היַינט אין **גרויסע** טעג", אום ער זאָל בײַם „אחד הרבנים המרגישים" באַצייכנט ווערן אַמווייניקסטן פֿאַר אַ „גרויסן" טיפּש, אויב ניט פֿאַר אַ גרויסן מנוול... ווער רעדט נאָך אַז אַ שרײַבער האָט זיך נעבעך צעקרעכצט אויף דער „ייִדישער טראַגעדיע" וואָס „אַ ייִדישער סאָלדאַט באַדאַרף שיסן אין אַ ברודער": „אין אַ ייִדישן סאָלדאַט פֿון אַן אַנדער לאַנד", אָדער אויף דעם וואָס „אַ ייִדישע מאַמע נעבעך" (אַזוי האָט זיך צעוויינט דער העברעיִשער דיכטער י.כ.) „ווייס ניט פֿאַר וואָסער צוועק איז איר בן־יחיד געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה", האָט שוין דער „אחד הרבנים המרגישים" אַוודאי דערפֿילט, אַז דער ציוניסטיש־פֿאָטערלענדישער אַלפֿאָנס רעדט דאָ פֿון זײַן מויל...

אָבער מער ווי אַלע האָבן אין דער מלחמה־צײַט זיך פֿאַרמיאוסט אין זײַנע אויגן די ציוניסטישע עסקנים, וועלכע האָבן ניט נאָר גערעדט ווי מלחמה־אַלפֿאָנסן, נאָר אויך געהאַנדלט ווי אַזעלכע... אַנשטאָט וואָס בײַ מענטשן פֿון קלאָרן פֿאַרשטאַנד מיט ריינעם געוויסן איז בײַם אויסבראָך פֿון דער וועלט־וואַקכאַנאַליע געוואָרן עקלהאַפֿטיק דער לאָזונג „פֿאָטערלאַנד", אונטער וואָס די מחבלי־העולם האָבן זיך צעבושעוועט און אונטערגעצונדן דער וועלט — האָבן אונדזערע ציוניסטישע „הויכע טרוימער" גאָר אַ לאָז געטאָן זיך וואַרעמען זיך אָן דער שׂרפֿה. זייערע אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן בלישטשען מיט וועלפֿישע פֿײַערלעך פֿון פֿרייד אויף דער האָפֿענונג, אַז איצט איז שוין געקומען די צײַט צו פֿאַרווירקלעכן זייער געהויבענעם טרוים וועגן אַ „פֿאָטערלאַנד". און צו דעם צוועק האָבן זיי זיך אָנגעהויבן דרייען צווישן די אייבערצינדער פֿון דער וועלט, געטאַנצט פֿאַר זיי אויף די הינטערשטע פֿיסלעך און באַזונגען זיי אַלס „פֿעלקער־באַפֿרײַער..."

ס'האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטן פֿון דער דאָזיקער זינגערײַ אַפֿילו די צענדליקער טויזנטער ייִדישע קרבנות וואָס זענען נאַכער צעקוילעט געוואָרן אין „אוקראַיִנע", „אונגערן", און אין די איבעריקע לענדלעך, וואָס זענען געווען בײַם בינטל באַפֿרײַער איידעמלעך אויף קעסט... דורך זיי אויסגעשטאַט געוואָרן מיט פּראָדוקט צום פֿרעסן און מיט כּלי־משחית, און בײַ זיי געווען וואַסאַלן, אויספֿילער פֿון זייער ווילן. ס'האַלט זיי אויך ניט אָפּ דער אומדערבאַרעמדיקער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט פֿון נאָך דער „באַפֿרײַונגס־מלחמה" אָן אין אַלע לענדער וואָס ליגן אונטערן אײַנפֿלוס פֿונעם בינטל „באַפֿרײַער", און דריקט און פּײַניקט די ייִדן צום טויט. טאַקע אַזוי ווי אמתע „שטאַטסמענער", וועלכע זענען גרייט אומברענגען דעם גאַנצן פֿאָלק פֿאַר אַ שפּאַן ערד פֿון דער „פֿאָטערלאַנד" (ווילהעלם דעם צווייטנס מעלדונג). אַזוי זענען אונדזערע ציוניסטישע מנהיגים מוחל די שטאַרקע פֿון דער וועלט אויף אַלע עינויים־קשים וואָס זיי טוען אָן די ייִדן אין די גלות־לענדער פֿאַר דעם טובֿת־הנאה, וואָס זיי

זאָגן זיך אַרויס פּאָזיטיוו פֿאַר דער „ייִדישער נאַציאָנאַלער היים“, ד"ה פֿאַר „ייִדעלעך פּראָקליאַטע, שאַרט זיך פֿון דאַנען, וואָן קיין פּאַלעסטינע...“

ניט קיין קליינעם שטויס צו זײַן אומחן אויפֿן ציוניזם האָט אים געגעבן אויך די אויפֿפֿאַסונג פֿונעם וועלטקריג, וואָס ס'האָט אויפֿגעפֿאַסט אַפֿילו אַזאַ ציוניסט ווי „מאַקס נאָרדוי“. וואָרעם צווישן די שריפֿטשטעלער, וועלכע זענען — ווי אויבן דערמאָנט — דורך איין אומריינעם אויסדריק, געוואָרן בײַ אים פֿאַרדעכטיק אויף מלחמה־אַלפֿאָנסערײַ, האָט זיך אַרײַנגעגליטשט אויך דער ציוניסטישער גדול „נאָרדוי“. דער דאָזיקער „גדול“ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין „אחד הרבנים המרגישימס“ שוואַרצער ליסטע דורך דעם, וואָס בשעת „ווערסאַלער טראַקטאַט“ האָט ער זיך אויסגעדריקט בזה־הלשון: „אין נאָמען פֿון די 7 הונדערט טויזנט ייִדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אויף אַלע פֿראָנטן, האָט דער ייִדישער פֿאָלק דאָס רעכט צו מאָנען בײַ די פֿעלקער זײַנע רעכט אויף ארץ־ישׂראל...“

דער דאָזיקער ציוניסטישער „נבֿיא“, וואָס מיט זײַנע טאַלאַנטפֿולע מוסר־רעדעס קעגן די פֿעלקער, באַדריקער פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס ער האָט אַ מאָל געהאַלטן אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָט ער באַצויבערט דעם „אחד הרבנים המרגישים“ און געפֿאַנגען זײַן האַרץ פֿאַרן ציוניזם, מחמת דער „אחד הרבנים המרגישים“ איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ יונגער־מאַן און אַ קנאַפּער „מבֿין־בלשון“ אויף דער שפּראַך פֿון די פּאָליטיש־מענער... געהאַט אַ קנאַפּע הבֿחנה צווישן פֿרײַהייט מיט „פֿרײַהייט“: ניט געוווּסט אַז שטורעמען וועגן אַ „פֿאַרקנעכט פֿאָלק“, אַ „פֿאַרקנעכט לאַנד“, וועגן אַן אַבסטראַקטן באַגריף, קאָן זיך פֿאַרגינען אַפֿילו דער גרעסטער דעספּאָט איבערן איינצלנעם לעבעדיקן מענטשן — דער זעלבער כּלומרשטיקער נבֿיא, וואָס האָט אַ מאָל מיטגעווירקט צום אַרײַנציִען דעם „אחד הרבנים המרגישים“ אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט יעצט צוגעהאָלפֿן צו זײַן אַבסאָלוטער אָפּווײַכונג פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך בשעת דער וועלט־וואַקכאַנאַליע אַרויסגעוויזן זיך פֿאַר אַ לײַבלעכע שוועסטער פֿון אַלע וועלט־פֿאַרזעענישן...

טו.

אָבער זײַן אויפֿרעגונג אויף דער מלחמה קאָן דער „אחד הרבנים המרגישים“ ניט שטילן דורכן רעאַגירן בלויז מיט אַזעלכע קליינניקייטן, ווי אָפּשטעמפּלען פֿאַר זיך אַליין דעם אָדער יענעם שרײַבער אַלס אַן אָנגעשטעקטן פֿון דער מלחמה־זאַראַזע, אָדער אַפֿילו מיטן אַרײַנוואַרפֿן אַ שפּילקעלע אין אַ בריוו צו דעם אָדער יענעם מלחמה־עסקן. נאָר ס'רופֿעט אים צו פֿאַראייביקן זײַנע געפֿילן דורך עפּעס אַ ווערק. ער האָט אַפֿילו בײַ זיך אַ כּתבֿ־יד פֿון אַ העברעיִשער פּאָעמע מיטן נאָמען: „באו ימי הפקודה“, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין זומער 1914 אונטערן אײַנדרוק פֿון דער מאָביליזאַציע, וואָס דער „צאַר“ האָט אויסגערופֿן, און זײַנע משרתים האָבן פּלוצלונג בײַ נאַכט אַרויסגעשלעפּט די „זאַפּאַסנע“ פֿון די בעטן אַרויס און אַוועקגעשיקט צו דער מלחמה. אין דער פּאָעמע טיילט ער איין אַלע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג יעדערן זײַן חלק שולד אינעם מלחמה־סקאַנדאַל, און איז אויף זיי מצדיק־הדין. אָבער ער איז ניט זיכער צי די פּאָעמע וועט קאָנען דורכגיין דורך דאַמאָלסטיקער צענזור, און ער טרעט דעריבער צו צו פֿאַרפֿאַסן זײַן ספֿר **כנסת ישראל ומלחמות הגויים**. דער דאָזיקער ספֿר ווערט געשריבן שוין אין אַ רויִקן טאָן, אָן שטורעם, ווײַל אין אים קומט צום אויסדריק הויפּטזעכלעך דער צווייטער געפֿיל וואָס די מלחמה־געשעעניש האָט אַרויסגערופֿן בײַם מחבר, — דער געפֿיל פֿון צופֿרידנהייט מיטן באַנקראָט פֿון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, די פֿאַרפֿאָלגערין פֿון ייִדנטום. אינעם דערמאָנטן ספֿר פֿירט ער דורך אַ וויסנשאַפֿטלעכן אַנאַליז איבער די סיבות פֿון מלחמה, און קומט צום באַשלוס, אַז די מלחמה איז ניט קיין צופֿאַל, נאָר אַן אומפֿאַרמײַדלעכער אויסגאַנג פֿון דעם גאַנצן פֿאַרדאָרבענעם, פֿאַרקריפּלטן פֿאַלשן לעבן, וואָס ס'פֿירן די אַזוי גערופֿענע „ציוויליזירטע פֿעלקער...“ מיט אַ גאַנץ רויִקן אָבער אויך אַ שאַרפֿן הומאָר לאַכט ער אויס די פֿירער וואָס האָבן די פֿעלקער געפֿירט צו דער שחיטה, מיט די מאַסן וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿירן צוזאַמען. ער וועקט אויך אין דערמאָנטן ספֿר בײַ ייִדן די זעלבסט־אָנערקענונג, דעם פֿאַרשטאַנד אויף צו שטאָלצירן מיטן ייִדנטום, וואָס שטייט העכער איבער די מלחמה־זומפּן, איבער די בלוטבעדער, אין וועלכע ס'זינקען אַלע פֿעלקער. ער טוט דאָס מיט דער

גאַנצער זיכערהייט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס צו זײַן באַדויערן האָט זיך שוין דאַמאָלס אויפֿגעדעקט פֿאַר זײַנע אויגן ניט קיין קליין ביסל מלחמה־אַלפֿאָנסלעך אויך צווישן ייִדן. ער איז אָבער איבערצײַגט, אַז די דאָזיקע פֿאַרשווינדלעך צִיִען ניט זייער יניקה פֿון ייִדנטום, נאָר זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון די גוייִשע שכנים אונטער וועמען זיי זענען פֿאַרשקלאַפֿט מיט זייער נשמה.

איין זאַך האָט אים אין אָנפֿאַנג אַ ביסל געשטערט אין דעם שטאָלץ, וואָס ער שטאָלצירט מיט דער ייִדישער אויפֿפֿאַסונג פֿון מלחמות. דאָס איז דער קלאַנג וואָס האָט זיך געהאַט דערטראָגן צו אים, אַז אויך ניט אַלע גוייִשע סאָציאַליסטן האָבן זיך איבערגעגעבן צו זייערע מלוכות, און העלפֿן זיי אין דער וואַקכאַנאַליע, נאָר ס'איז פֿאַראַן אַ טייל סאָציאַליסטן, „באָלשעוויקעס" הייסן זיי, וועלכע זענען יאָ אויפֿגערעגט אויף דער מלחמה. מאַכט זיך אָבער אַ מעשׂה און צופֿעליק פֿאַלט אַרײַן צו אים אין האַנט אַ באָלשעוויסטישער בוך מיטן נאָמען **Против течения**, און פֿון דעם בוך דערקונדיקט ער זיך, אַז אויך די באָלשעוויקעס זענען גאָר ניט קיין קעגנער פֿון מאַסנמאָרד. זיי קריצן נאָר מיט די ציין אויף דעם וואָס די דאָזיקע שליאַכטאָרנע ווערט געפֿירט צום גונסטן פֿון די „קאַפּיטאַליסטן", און פֿאָדערן אויף די „פּראָלעטאַריער אַלער לענדער" איבערצודרייען די בלוטבאָד צום גונסטן פֿון מאַרקסיסטישן אידעאַל, ד"ה שלאָגן זיך אַזוי לאַנג ביז ס'וועט אײַנגעפֿירט ווערן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, אויסשעכטן די גאַנצע וועלט צוליבן סאָציאַליסטישן „גן־עדן" פֿון קומענדיקן דור... און כאָטש פֿון מענטשן וואָס זייער פֿרײַהייטס־שטרעבונג שטאַמט ניט אַרויס פֿון קיין מאָראַל־עטישער נקודה נאָר פֿון „אינטערעסן", און אין זייער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דער „פֿרײַהייט" געפֿינט זיך ניט קיין ברעקל האַרץ, נאָר בלויז טרוקענע האַרטע ראַכונקעס, פֿון דעם וויפֿל ס'פֿאַלט אַראָפּ פֿאַרן בעל־הבית פּראָפֿיט פֿון אַרבעטאָרער, האָט מען געקאָנט דערוואַרטן אַז די מלחמה זאָל בײַ זיי ניט זײַן קיין פּסולע הושענא, בשעת זי זאָל **„לוינען"** פֿאַרן אַרבעטסלוין. דאָך איז ער איבערראַשט געוואָרן, דערזעענדיק שוואַרץ אויף ווײַס אַזעלכע דיבורים פֿון די כּלומרשט ערשטקלאַסיקע טרעגער פֿון פֿרײַהייטס־געדאַנק. ס'ווערט שוין בײַ אים איצט קלאָר ווי דער טאָג, אַז עשׂוס פּראָפֿעסיע, „ועל חרבך תחיה", זענען פֿון איר ניט ריין קיין איין קלאַס פֿון דער גוייִשער וועלט, און אַז דער איין און איינציקער מבֿין און פֿילער אויף צו האַסן מלחמות, קאָן נאָר זײַן דער ייִדישער פֿאָלק.

ער איז זיך שוין אין גאַנצן מיאש פֿון דער הילף וואָס די קראַנקע מענטשהייט קאָן באַקומען אַפֿילו פֿון די סאָציאַליסטן. „אַ וואַזשנעם טעם" — קלערט ער בײַ זיך אויף די סאָציאַליסטן — „האָט אײַער פֿרײַהייטס־שטרעבונג אויב זי איז אַזוי פֿיל פֿאַרשטאָפּט, און איז קיין האָר ניט עמפֿינדלעך אויפֿן מלחמה־גרויל, האָט ניט קיין ברעקל פֿאַרשטאַנד אויסצוטיילן דעם דאָזיקן גרויל אין אַ באַזונדער קאַפּיטל און אַלס דעם שפּיץ פֿון דער מענטשלעכער רישעות, נאָר פּלאָנטערט דעם דאָזיקן שוידערלעכן און אויך קיין פֿאַל ניט באַרעכטיקטן סקאַנדאַל פֿון אַוועקרויבן פֿונעם מענטשן די פֿרײַהייט פֿון טראָגן זײַן קאָפּ אויף די פּלייצעס, אין פּלאָנטער מיטן פֿאַרוויקלטן פּראָבלעם פֿון קאַפּיטאַל און אַרבעט, שטופּט אָפּ די דערלייזונג פֿון די מלחמה־גרויזאַמקייטן ביז דער רעגולירונג פֿון דער פּאָדעשווע־לוין, און קלערט נאָך אַפֿילו צום ציל פֿון דער דאָזיקער רעגולירונג אַליין אויך באַניצן זיך מיטן שוידערלעכן מלחמה־אַרטיקל..." „זאָלט איר אַזוי האָבן אײַערע צעדרייטע מוחות" — קלערט ער ווידער בײַ זיך — „ווי ס'איז גאָר דאָ אַן אויסזיכט פֿאַר אײַך אַראָפּצושלײַדערן די אַלטע דעספּאָטן פֿון זייערע שטולן, ווי באַלד אַז אין דעם שוידערלעכסטן טאַט זייערן, אין מלחמות, זענט איר אַליין אויך זייערע נאָכפֿאָלגער..."

דאַן האָט ער זיך שוין אַוועקגעזעצט מיט אַן אײַזערנער זיכערהייט שרײַבן זײַן ספֿר **כנסת ישראל ומלחמות הגויים**, ווּ ער לייגט די גאַנצע האָפֿענונג צו דער דערלייזונג פֿון דער מענטשהייט אויפֿן ייִדנטום, ד"ה אויף דער אויסבעסערונג פֿון מענטשנס האַרץ און דערהייבונג פֿון זײַן גײַסט — די אַרטיקלען וואָס שטייען פֿון אייביק אָן אין צענטער פֿון דער ייִדישער קולטור, און שטעלן פֿאָר די היסטאָרישע מיסיע פֿון ייִדישן פֿאָלק. דעם ספֿר האָט ער אָפּגעדרוקט אין יאָר תּר"פּ (1920), און מיט אַזאַ אופֿן פֿאַראייביקט זײַנע אײַנדרוקן פֿון די טעג, וואָס די „אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע" האָט באַנקראָטירט און אַרויסגעוויזן זיך מיט איר אמתן פּרצוף.

אין יאָר תּרפּ"ג האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ספֿר **יד אהרן** — „חידושי תּורה“, מיט אַ ליטעראַרישער הקדמה וועגן דער חשיבֿות פֿון לערנען תּורה.

אין יאָר תּרפּ"ו (1926) זענען זיך מישבֿ די ציוניסטישע מנהיגים און באַוווייַזן אַן איבעריקן מופֿת, אַז זייער צונויפֿבינדן זיך מיט די שטאַרקע פֿון דער וועלט איז בייַ זיי ניט בלויז אַ נויטווענדיקייט, אַרויסגערופֿן דורך דער שטרעבונג צו „אַ נאַציאָנאַלער היים“, וואָס זיי האָבן זיך אַרייַנגענומען אין קאָפּ, נאָר אַ טיפֿע אינערלעכע נייגונג פֿון זייער קאַריעריסטישער נשמה... זיי האָבן איינגעסטרויעט אַ גרויסע פֿייַערונג לכּבֿוד דער „פֿאָן פֿונעם ייִדישן לעגיאָן“, אַוועקגעשלעפּט איר און אַרייַנגעשטעלט אין אַ מקום־קדוש אין ירושלים. הגם „אחד הרבנים המרגישים“ איז שוין דערווייַטערט פֿון ציוניזם, אָבער ייִדן זענען זיי דאָך, פֿאַרדריסט אים וואָס זיי צעשטערן זייַן הייליקן טרוים וועגן פֿאָלק ישׂראל, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין ספֿר **כנסת ישראל ומלחמות הגויים**. נעמט ער און דרוקט אָפּ אַ פּראָטעסט אין ווי**ילנער טאָג** אין נומער 37 און אין נאָך 5 המשכים.

ענדע.